אויב עס קומט אן אזוי שווער צו פאראינטערעסירן אפילו דעם בעסטן יידישיסט צו גיין אויף אן ארעמען קאנצערט בעת ער האט עס אלץ אזוי רייכלעך און אטראקטיוו אויף ענגליש ?

פארוואס זשע זענען מיר אזוי ארעם ? פשוט דערפאר וואס עס איז ממש אוממעגלעך זיך צו פארגלייכן מיט דער ענגלישער קולטור־עשירות !

אבער נאך אלעם האבן מיר דאך נאך א גרויסע צאל יידן, וועמען דאס יידישע ווארט איז ליב און טייער ; וועלכע ווייסן ווי צו שעצן אונזערע קלאַסיקער : מענדעלע מוכר־ספרים, י. ל. פרץ, שלום־עליכם, ביאליק, משה נאדיר ביז קולבאק.

שפילט מען א יידיש שטיק אויף ענגליש, ווערט עס אויפגענומען מיט ענטוזיאזם מצד אלע יידן. דאס פינטעלע ייד איז לעבעדיק ביי אלעמען. מען דארף בלויז וויסן ווי צוצוקומען צו די ענגליש־געבוירענע יידן, כדי צו וועקן ביי זיי א פאראינטערעסירונג אין יידישן פאלקלאר און לעבן און זיי צו באקענען מיטן אוצר פון אונזער קונסט און ליטעראטור.

מיר נויטיקן זיך אין אן אייגענעם קולטור־צענטער, ווי עס איז דער פאל אין קאנאדא, ארגענטינען, בראזיליען, אויסטראליען און אין אנדער מקומות. אזא צענטער וואלט געדארפט אנטהאלטן אין זיך א טעאטער, קלוב, א טאנץ־זאאל, גימנאסטישע איבונג־זאאלן און פאר ספארט, אן ארקעסטער און א שולע, וואו מ׳זאל קענען געבן יידישע קינדער אונטערריכט אויף יידיש און אנדערע ענינים.

אודאי פאדערט אזא צענטער א גאר גרויסן ביודזשעט. פארוואס אבער זאלן אונזערע רייכע לאנדאנער יידן זיך נישט באשטייערן לטובת אזא אינסטיטוציע פאר זייערע ברידער, בעת זיי באשטייערן זיך דאך יאר איין יאר אויס לטובת אנדערע צוועקן און נישט דווקא יידישע . . .

די רעליגיעזע יידן פארשטייען די וויכטיקייט פון דעם געדאנק גאר גוט, ווי מיר קענען עס זען ווי זיי בויען שולן, סינאגאגעס און צענטערס, כדי אפצוהיטן די יוגנט פון אסימילאציע. פארוואס זאלן מיר נישט אויפטון ענלעכעס אויף אונזער אופן ?

מען וואלט דעריבער געדארפט אנהויבן מיט ארגאניזירן א פאלקס־פארזאמלונג און אויסארבעטן עפעס א פלאן. ביטלער האט אמאל געחלומט דערפון, אפשר זאל מען היינט דערמיט אנהויבן ? עס איז גאנץ גריילעך, אז עס וועט זיך איינגעבן. ווען דאס גיט זיך באמת איין, וואלט לאנדאן געווארן איינער פון די יידישע קולטור־ישובים ; און מיר וואלטן געווען ביכולת בייצוטראגן אונזער חלק צום יידישן וועלטלעכן קולטור־לעבן.

## פערל מרגליות ע.ה.

אונזער טיפן מיטלייד צו ווילי מרגליות און **עליזה שלווי** צום פלוצלינג טויט פון זייער מוטער **פערל מ**[illegible] אלמנה פון בן ציון מרגליות) ע.ה. אין ירושלים. זאָלן זיי זיין באַהיט פון צער. „לשון און לעבן“

---

## יידיש ליטערארישע שבת־נאָכמיטאגס

**אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער**

שבת, דעם 22׳סטן דעצעמבער — א חנוכה פראָגראַם.

שבת, דעם 29׳סטן — מענדעלע מוכר־ספרים — צום 136 געבוירן טאָג.



# לשון און לעבן

**חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור**

נומער 1 (העפט 375) פיר און צוואַנציקסטער יאָר יאַנואַר 1963 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## א י נ ה אַ ל ט :

ה. לייוויק, *** ..... *** 1
אין פייער (ליד) ה. לייוויק ..... 2
לייוויק ע״ה (עסיי) ..... י. ביעטש 3
פון בוך „הינטערן שלאָס“ (ליד) ה. לייוויק ..... 4
לייוויק האַלפערן ע.ה. (עסיי) ..... משה דאָמב 5
יהשע פאַדרא (עסיי), מיין טלית (ליד) ..... יוסף לעפטוויטש 7
נישט פון לאָנדאָן (מכוח דעם „יידיש־סימפּאָזיום“) ..... מ. אלמאן 11
די ערשטע שפּאַלטונג פון רעליגעזן יונטום (עסיי) ..... י. ריכטיגער 12
10 שניי סאָנעטן, גזע און ירושה (פראָזע) ..... א. נ. שטענצל 16
אָנגעפולט מיט צער (ליד) ..... שמואל וההייט 33
נאָך דער לוויה (פּאָעמע) ..... ב. ביאַלאָסטאָצקי 34
יידיש ליטערארישע שבת נאָכמיטאָגס

**פרייז 2 שילינג**

**אבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר**

**אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—**

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

---

אין בן־אורי, בערנער סטר. 14 וו.1.
זונטיק, דעם 27 יאַנואַר, 8 א זייגער

## דאס יידישע שאפן אין סאוויעט רוסלאנד

עס באַטייליקן זיך א. פּאַלושאַק, מ. מינדעל, עלעקוואָטערמאַן. לייענען וועלן: אייזיק גאָלדבערג, בעלא ווײַנער, נעט רובין און י. ביעטש.

## קומענדיקן חודש 20 יאר פריינט פון יידיש לשון

דער קומענדיקער נומער לשון און לעבן וועט זיין געווידמעט דעם 20 יאָר פריינט פון יידיש לשון—פעברואר 1943 איז געגרונדעט געווארן אונזער פעראיין פריינט פון יידיש לשון.

---

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

## צו די שלושים פון ה. לייוויק ע.ה.

מיר באַטייליקן זיך אינם גרויסן טרויער איבער פאַרלוסט פון גרויסן יידישן פּאָעט און דראַמאַטורג ה. לייוויק ע"ה", וואס האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

רעדאַקציע „לשון און לעבן" און „פריינט פון יידיש לשון"

מיר דערמאנען מיט צער און ווייטיק
דעם פארלוסט פון גרויסן נאציאנאלן דיכטער
ה. לייוויק

איינעם פון די גרעסטע קינסטלער פון יידישן וואָרט, דעם יסורים־טרעגער פון א פאַרייתומט דור. זיינע שאפונגען אין דער יידישער ליטעראטור וועלן בלייבן אויף אייביק א קוואל פון אינספּיראציע, טרייסט און דערהייבונג פאר דעם יידישן לייענער!

יידיש־אפּטייל, לאנדאן

אונזער טיפן צער דריקן מיר אויס איבער טויט פון אונזער גרויס שרייבער ה. לייוויק ע.ה.

זשורנאליסטן און שרייבער פעראיין

מיר באַטייליקן זיך אין גרויסן טרויער איבער דעם גרויס סאָציאַלן דיכטער און דראמא־טיר ה. לייוויק.

דער יידישער אַרבעט רינג אין לאָנדאָן

---

די לעצטע 4 וואָכן זיינען אַלע שבתים ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס געליינט בעוואָרן פון לייוויקס ווערק געדעדט געוואָרן איבער דעם גרויסן דיכטער, אויך ביי די לעקציעס אין „סעמינאַר פאַר יידיש וויסן און אין בן־אור. לייוויקס פּאָעמע, „אין פייער" (איינס פון זיינע לעצט) האָט דער אַקטיאָר יידל גאָלדבערג רעציטערט. און דאָס ליד „ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט" געזונגען — מאיר באַגדאַנסקי. עס האָבן זיך נאָך באַטייליקט אין די שבתים מיט רעציטירן און רעפעראַטן י. ביעטש, שלמה אויערבאך י. א. ליסקי, אייזיק גאָלדבערג, ח. נ. בענקוויטש, מאָריס מינדעל משה דאָמב, נעט רובין און א. נ. שטענצל. אונזער דאַנק צו די אַלע באַטייליקטע אין די אָוונט, — טראָץ די געוואַלטיקע קעלט און עלעקטרי־שטרייק, — וואָרים ווי וואָלט אונזער יידישער ישוב אויסגעזען, נישט צו זיין מיט־באַטייליקט אין די טרויער־אַקאַדעמיעס אָנגעהאַלטן אין די שלושים, לזכרון פון אונזער גרויסן דיכטער.

### ה. לייוויק זכרון־אקאַדעמיע

זונטיק דעם 24׳סטן פעברואר 3 אזייגער אין גרויסן זאל 37 גראָווענד ראד אין וועסטענד קומט פאָר א גרויסע לייוויק־טרויער פערזאַמלונג. עס באַטייליקן זיך דער שרייבער און זשורנאַליסטן פעראיין, פריינט פון יידיש לשון ברית עברית עולמית יידישער וועלט קאָנגרעס, דשואיש עדשנסי. פארזיץ דר. א. שטיינבערג.

פאָריקן חודש איז געשטאָרבן דער גוט־באַקאַנטער פּאָעט און עסעאיסט ב. ביאַלאָסטאָצקי. אונזער טיפן טרויער איבער פאַרלוסט פון דעם פיינעם פּאָעט און גוטן עסעאיסט.

„פריינט פון יידיש לשון"

מיר דריקן אויס אונזער מיט־געפיל צו דער פרוי און זין צום טויט פון זייער מאַן און פאָטער דעם שרייבער יהושע פאדרא ע.ה.

פריינט פון יידיש לשון

אונזער טיפן מיטלייד צו דער פרוי און קינדער צום טויט פון זייער פאָטער און מאַן דעם משכיל און מלומד יצחק יאַנג, דעם סעקרעטאַר פון דער „יידישער שטימע".

פריינט פון יידיש־לשון

אונזער טיפן מיטלייד מיט אונזער פריינט און קאלעגע יוסף פרענקעל צום טויט פון זיין ברודער דר. עדמונד פרענקעל ע.ה.

לשון און לעבן
און זשורנאליסטן און שרייבער פעראיין

צום טויט פון מר עלעק עטמען, און מלומד דריקן מיר אויס אונזער טיפן מיטלייד צו זיין פרוי און קינדער.

לשון און לעבן

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 375)    פיר און צוואַנציקסטער יאָר    יאַנואַר 1963 לאָנדאָן

## ה. לייוויק

א, אז אונזער גאלדענע קייט, פּרצס,
נישט צעשאטן אין נצחדיקן אן־ענד, —
רויך־קייקלדיקע קרעמאטאריע־רינגען,
אויפגייענדיק, אויסגייענדיק בלוט־געבלענד, —
איז די קייט איבערגעקאוועט געווארן
אויף דיינע צארטע צער־ציטערדיקע הענט.

מיטן שטאל פון דיין בליק קלינגט זי קלאר אצינד,
ווייטער צו ציען קייגן יעדער געפאר —
„אויב נישט נאך העכער"? א, אויב נישט נאך טיפער!
אונזער תהום־טיפער פינסטערער צער — — —
פארשנייט ס׳וואלט געווארן אונזער יעדע שפור,
ווען נישט פון דיינע פיס דער קייטן־געשאר.

ווי וואגיק, ווי לויטער ס׳איז דיין יעדעס ווארט,
רינג אין רינג געקאוועט צעקלונגען דיין ליד.
דעמלט ווען דו ביסט נאך אזוי יונג געווען,
אונטער דיין צונג שוין שם־המפורש געגליט — —
פאר די טויערן פון אונזער „יידיש־לאנד"
שטייט א שומר דיין „גולם" און שיצט און היט.

און אין „פערנוואלד" נאך האסטו מיטגעברענגט
א רינג פון יענע רינגען מקדש צו זיין;
אקייגנגעטאנצט מיט דיין מאמעס קוילעטש,
אויפגעגאנגען אין געוויג פון דיין געוויין;
פון איהומען, פון ר׳ נחמנקעס קבר,
דעם דבקות — דאס מצווה־טענצל צו גיין.

א, מיט זייער אש אונזערע קדושים
געקרוינט דעם זילבער־גרויען קאפ פון פאעט,
און אין זייער מיט אים ארומגערינגלט:
זאג אונז, רעד, פארוואס, פאר ווען, פאר וועלכן חטא —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
לייוויק, ביסט אין טרעבלינקע נישט געווען, האסט
אויסגעבעט א קעמפ־נארע דיין אייגן בעט.

• • •

דער לייטאַרטיקל האָט געזאָלט זיין דער סך־הכל איבערן יאָר 1962 און די אויסזיכטן פאַר 1963 אבער איצט, אז דער שוואַרצער שטריך איז געצויגן אונטער אונזער רעכענונג — דער טויט פון אונזער גרויסן דיכטער ה. לייוויק; לייגן זיך שוין נישט די ציפערן צו אונזערע קליינלעכע חשבונות. וואָרום דאָס איז דאָך דער סך־הכל אין אונזער קולטור־מצב, דאָס אָפּרעכענען זיך מיט מנהיגים, מיט פּאַרטיי־טוער, מיט שרייבער־בריונים און קולטור־גראַבלער, און מיט זיך אַליין אפילו — חשבון־הנפש! דער חשבון מיט אונזערע געגנער בלייבט שוין ווי אברהם האָט זיך אָפּגערעכנט: „תן לי את הנפש והרכוש קח לך“.

און ווען אפילו לייוויק איז די לעצטע פיר יאָר געלעגן אויפן יסורים־גסיסה־בעט, אז דער טויט צומאָל איז א „דערלייזונג“ געווען. אָבער לייוויק ווי דער פּאָעט פן „ליידן“, פון „אומקום“, זיינען דאך די ליידן אַליין די גאולה פאַרן דור פון אומקום. און נאָך איינס: צי איז דען דער עיקר דאָס שרייבן, דאָס אויפשרייבן — עס איז דאך דער עיקר די מחשבה, דאָס טיפע טראַכטן! און ליגט אַמענטש צווישן אונז און נעמט אַרום זיין פאָלק, די גאַנצע מענשהייט מיט זיין גרויסער מחשבה. און דער מענטש איז מער נישטאָ, די טראַכט פון דער ערד האָט אים צוגענומען — חבל על דאבדין ולא משתכחין.

## ה. לייוויק

## אין פייער

די לאַנגע, די פינצטערע נאַכט איז פייער,
מיין קאָפּ אויף א קישן פון פלאַמיקן פייער.
איך אָטעם אַריין און איך אָטעם ארויס פייער
דורך אפענע טירן און פענצטער פון פייער
מיין האַנט שטרעקט זיך אויס און מאַכט צייכנס אין פייער,
נעמט שרייבן אין פייער מיט פייער אויף פייער.
כ׳בעט רחמים, כ׳זוך שיצונג פון פייער,
כ׳טו תפילה: אָ, ראַטעווע, ראַטעווע, פייער!
דערהער איך ווי ס׳פלאַקערן קולות אין פייער:

דיין טאַטע בין איך — דיין פאָטער פון פייער,
דיין מאַמע בין איך — דיין מוטער פון פייער,
דיין טאַטע וואָס האָט דיך געאידישט אין פייער,
דיין מאַמע וואָס האָט דיך געזויגן מיט פייער.
געדענקסט דאָך דיין הענג־וויג אויף שטריקלעך פון פייער
אַמאָל אין אַ שטיבל ביים אויפגאַנג פון פייער;
געדענקסט ווי עס האָבן געפלאַטערט אין פייער
די שטריקלעך, דערלאַנגט צו דער סטעליע מיט פייער,
געדענקסט ווי מיר האָבן פאַרכאַפּט דיך אין פייער
און לויפן געלאָזט זיך מיט דיר צווישן פייער,
געלאָפן פון פייער, דורך פייער, אין פייער.



## י. ביעטש

## לייוויק ע״ה

לייוויק איז געווען איינע פון די אנגעזעענסטע פערזענלעכקייטן אינם יידישן לעבן, און זיין ביישטייער צו דער יידישער דיכטונג בכלל, בפרט די פאעטישע דראמען זיינע, איז אומשעצבאר.

אין זיין שאפן און סטיל איז לייוויק א יחיד במינו, און מיט זיין גרויסן דיכטערישן טאלאנט האט ער זיך קונה שם געווען נישט בלויז אין אמעריקע, נאר אין אסך קולטורעלע קרייזן אין דערברייטער יידישער וועלט.

נישט פיל גרויסע דיכטער, ווי לייוויק, האט די יידישע ליטעראטור; נישט פיל, וועלכע האבן אזוי טיף אריינגעבליקט אין דער מענטשלעכער נשמה און זי פאראייניקט מיט זיך, דעם קינסטלער, דיכטער און דראמאטיקער, וואס האט געהאט דעם כח צו האלטן דעם אמת ווי א צוויי־שארפיקע שווערד איבערן קאפ, נישט צו שוינען זיך און נישט די וועלט ארום.

לייוויקס ווערק זענען פול מיט בערג פון מענטשלעכע ליידן. מיר פילן דא ארויס אין זיינע דיכטערישע און דראמאטיש־פאעטישע שאפונגען ווי דורך און דורך ער איז מיט די אונטערדריקטע און פארשקלאפטע. האט ער דאך אין משך פון לאנגע יארן געקעמפט מיט אלע פעדים פון זיין נשמה פאר יושר.

נאך גאר יונג האט לייוויק, דער גרויסער זוכער פון אמת, פארזוכט פונם „עץ־הדעת“ — משכילישע שריפטן און פרייערע געדאנקען. האט שטיל אלע יארן געטראגן אין זיך די גרויסע, מוראדיק־הארבע קשיות, וואס האבן זיך אים געפלאנטערט אין זיין געדאנק און געשראקן זיין צארטע נשמה. „וויאזוי לעבט מען? וויאזוי לעבט מען, אז מ׳זאל פילן מען לעבט ווי דער באשעפער וויל מ׳זאל לעבן?“ אזעלכע מחשבות צו שלימות האבן תמיד געטליעט אין זיין וועזן, זייענדיק זיכער, אז דער פארטשריט פונם מענטשן מוז קומען, נישט פון דרויסן, נאר פון אינעווייניק, פונם הארץ און דער נשמה!...

נאך אלס יונגערמאן איז לייוויק מיטגעריסן געווארן מיטן שטראם פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין רוסלאנד. די צארישע פאליציי האט אים געכאפט און פארמשפט אויף פיר יאר קאטארגע. די פיזישע און גייסטיקע ליידן אין דער תפיסה און אויף דער שווערער ארבעט זענען מיט אלע פרטים באשריבן אין זיין בוך „אויף צארישער קאטארגע“.

אט די פיר יאר שווערע ארבעט און דאס אוממענטשלעכע באגיין זיך מיט דעם מיטמענטש, אזוי טאלאנטפול געמאלן אין דעם אויטאביאגראפישן בוך פון זיינע איבערלעבונגען אין דער תפיסה, האבן געלאזן טיפע שפורן אויף זיין וועזן און שטארקע איינפלוסן אויף זיין דיכטונג. ער האט פיל טיפער אויפגענומע די מענטשלעכע ליידן און געזוכט אריינצודרינגען אין זייער זין. אט די בילדער שטייען פאר אונז קלאר און דייטלעך, אקוראט ווי איר וואלט זיי אליין אקארשט געזעען און אין זיי זיך באטייליקט. ס׳דאכט זיך ווי מיט יעדן בילד און געשעעניש ווערן אלעמאל אויפסניי אויפגעמישט נייע בלעטלעך פון געשיכטלעכע פאסירונגען. דער דיכטער פירט אונז אדורך א שטיק וועלט און ווייזט

אונז פיל פון זיין לעבן און שאפן. ער ווייזט דאס שווערע, ביטערע לעבן אין די צארישע תפיסות, דאס אנטלויפן פון סיביר, ביז זיין קומען קיין אמעריקע. עס איז א לאנגע קייט פון מאטערנישן און ביטערע איבערלעבונגען. די לידער זענען פון די טיפע שנייען אינם קאלטן סיביר ווי דאס בוך „אויף צארישער קאטארגע". הגם די צייט איז שוין לאנג ווייט אוועק פון אונז, זענען זיי אבער ווי טייערע פערל אין דער יידישער ליטעראטור און דערמאנען אונז די צייטן פון פושקין.

צו דער העכסטער מדרגה אין זיין שאפן האט לייוויק דערגרייכט מיט זיין דראמאטישער פאעמע „דער גולם", וואס האט אים אוועקגעשטעלט אלס גרויסן דיכטער און דראמאטורג. די מעגלעכקייטן אויפן דאזיקן געביט האבן אים שטארק דערמוטיקט, און ס'האבן נאכגעפאלגט א ריי דראמען געשיכטלעכע, סימבאלישע און רעאליסטישע.

ס'א'ז אוממעגלעך צו געבן אן אויספירלעכע אפשאצונג אין אט די קארגע שורות פון דער פילזייטיקער פערזענלעכקייט, וואס ה. לייוויק ע"ה איז געווען. מען וועט אבער תמיד שעצן לייוויקן דעם דיכטער, דעם קינסטלער און אלע זיינע ווערטפולע ווערק.

לייוויקס פייערדיקע פערזענלעכקייט, וואס האט באגייסטערט מאסן יידן אין דער גארער וועלט, שווייגט איצט מיט טויט־פארחתמעטע ליפן. זיין עמפינדלעכע נשמה — איבערגעגעבן דער אייביקייט. איבערגעריסן זענען גע־ווארן די צויבערהאפטע טענער פונם נביא. זיי וועלן שוין מער נישט וועקן אין אונזערע הערצער די ליבע צו אלץ, וואס איז שיין און דערהויבן זיין גייסט אבער וועט זיין ווי א לייכט־טורם אייביק פאר אונז, ווי א סימבאל פון געטלעכן פלאטער פארן פרייהייט־קאמף פון יידישן פאלק.

גרויס, זער גרויס איז די אבידה פאר דער יידישער ליטעראטור. און מיר שליסן זיך אן אינם אלגעמיינעם צער איבער דער גארער יידישער וועלט, וועלכע טרויערט איצט אויפן פארלוסט פון דער פערזענלעכקייט לייוויק, וואס האט במשך פון א האלבן יארהונדערט אויסגעזונגען די בענקשאפט פאר א שע־נערער און בעסערער וועלט!

## ה לייוויק

### פון בוך „הינטערן שלאס"

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע,
זילבריק בלאָען די בערג
נאָך פון קיינעם באַטראָטענע;
ערגעץ טיף, ערגעץ טיף,
אין דער ערד אומגעקנאָטענער,
וואַרטן אוצרות אויף אונדז,
וואַרטן אוצרות פארשאָטענע.

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
ליגט אַליין א געפאַנגענער,
אויף זיין קאָפּ שטאַרבט דערשיין
פון דער זון דער פאַרגאַנגענער;
ערגעץ וואָגלט ווער אום
טיף אין שניי אַ פאַרשאָטענער,
און געפינט נישט קיין וועג
צו דער לאַנד דער פאַרבאָטענער . . .



משה דאמב

## לייוויק האלפער ע"ה

ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע, האט דער ארייגעזויגעבער ווינד פון די סטעפעס געהויכט פון אים, אין דערהיים האט ער ארייגעזאפט אינזיך די מעלאנכאליע פונעם רוסישן גייסט:

שטיל אויף די סטעפעס בוראטישע,
עס שלאפט נאך דער אבגאט פון פרי,
עס זיצט זיך א פאסטוך אן איינזאמער
געבויגן דעם קאפּ אויף די קני.

אין אמעריקע, איז ער בארוישט פונעם גרילץ פון דער ריזיקער שטאט ניו־יארק און ער זינגט ווי סלאוואצקי נאכן פארלאזן זיין היימלאנד.

מיר איז טרויריק, גאט,
נאכן אפּגאנג פון יארן,
מיך באגעגנט א טאג,
וואס איך קען אים
מיט קיין זאך ניט פארן,

ער האט אדורכגעמאכט אלע שבעה מדורי גיהינום און דאך געבליבן א שטייפע נאטור, ער האט אלץ געקענט איבערטראגן מיט א ליבהארציקן שמייכל און צארטע שטילקייט, טויזנטער זענען פון דארט ארויס צעבראכן, פארשיט געווארן אויף אייביק אין די סיבירער שנייען, אז מע האט אנגעקוקט לייוויקס פנים מיט די העל זיידענע האר, זיין אוואל העל פנים, האט מע באלד דערזען א טאפעלטע נשמה, וואס האט פארצווייפלט מיט זיך געפירט א קאמף און צום סוף געזיגט. ביי אסך מענשן ווערט דאס הארץ פארסמט פון שרעקליכע ליידן און ביי אנדערע מענשן ווערט עס גאר אויסגעברייטערט, ווי ביי לייוויקן ווען ער זינגט:

א'ך בין מוחל, איך בין מוחל,
כ'טראג אויף קיינעם קיין פארדרוס . . .
אין א שטילע
קינדיש תפילה
שיק איך אלעמען א גרוס . . .

לייוויקס ברייטע הארץ איז מוחל אלעמען, ווייל ער האט זיך דערהויבן איבער אלעמען און איבער די וועלט מיט זיינע ליידן, ער ווייסט דעם סוד פונעם גרויסן אונבאגרייפליכן קנויל פון דער מענשליכע נשמה, קיינער איז ניט שולדיק, אלע זענען מיר דא אהערגעקומען אן אייגענעם ווילן, אלע ווילן אפעס, אלע פלאנטערן מיר זיך, מע וויל עפעס באזיגן און דאך ווייסן מיר ניט וואס, און דער מענש בלייבט אייביק א באשעפעניש געקנעטן פון ליים, א גולם . . .

גאונות איז אן אונבאוווסטע מתנה פון דער נאטור, וואס ווייס ניט פון קיין גרעניצן און יארן, אליגערי דאנטע האט זיין „געטליכע קאמעדיע" געשריבן

אין דרייסיגסטן לעבנס יאר, מיצקיעוויטש האט זיין „דזשיאדי" געשריבן אין זיין פערציגסטן לעבנס יאר, און געהטע האט זיין „פאוסט" געשריבן אין זעכציקסטן לעבנס יאר, טאלסטאי האט זיין „קריג און פרידן" געשריבן אויף דער עלטער. לייוויק האט זיין „גולם" געשראדן אין זיין דרייסיקסטן לעבנס יאר. סע איז א דראמאטישע פאעמע, וואס שילדערט ווי אזוי א מענש ווערט באשאפן צוליב וואס אייגענטליך ער איז באשאפן געווארן.

אן זיין אייגענעם ווילן און קען די גאנצע צייט פון זיין לעבן ניט באגרייפן,

לייוויק באווייזט אין „גולם" די אונזיניקייט פונעם לעבן, די אייביקע אונבאהאלפנקייט פונעם מענש, דאס ניט קענען זיך אן עצה געבן מיטן צופעליגן און פון דעם נעמט זיך דער טראגישער גורל און דיליידן. די מענשן וואס ווייסן ווייניג און קענען ניט אסך, זיי דאכט זיך, אז ווייסן מער ווי אנדערע און זיי ווייסן צו וואס זיי לעבן.

ווען דער מהר"ל זאגט צום גולם: יוסל, נעם די האק און האק אפ אביסל האלץ. נעמט דער גולם די האק און לויפט מיט דער האק זוכן דעם רבינס טאכטער דבורהלע און וויל זי מיט כח מזנה זיין . . . אט ווי געפערליך סע איז א מענשן צו געבן א האק אין האנד אריין, אנשטאט דאס צו נוצן פראקטיש, נוצט ער דאס צום מארדן, רויבן . . . ווי סע האט געטון היטלער און אנדערע דיקטאטארן . . . דער יחיד קען ניט הערשן איבער מיליאנען און מיליאנען זאלען ליידן פארן יחיד . . . אין מיצקיעוויטשעס „דזשיאדי" זיצט קאנראדוס גוסטאוווס אין תפיסה, ער צעגראטשעט זיך זיין פינגער און שרייבט אויף די תפיסה וואנט מיטן בלוטיגן פינגער: איינער ליידט פאר מיליאנען און מיליאנע ליידן פאר איינעם . . . אין גולם זענען דא מיסטיש־סימבאלישע אונדייטונגען וועגן מענשן פון די שרעקליכע ליידן און פארפלאנטערקייטן . . . דער יחיד קען בשום אופן ניט זיין קיין עמשיח, ווייל דער איינער איז קיינער, ער איז א גולם, ער איז אונבאהאלפן און צוליב אונבאהאלפנקייט קומט טאקע דער גולם אום. וואס פארא ליידן האבן מיר יידן שוין אדורכגעלעבט צוליב אט דעם איינעם? . . . און דער איינער האט טאקע געליטן פאר מיליאנען און ער איז אומגעקומען . . .

לייוויק איז א סימבאליסט און גלייכצייטיק א טיפער ליריקער, מיט א פארמעסט, פון א מיצקיעוויטש, קראשינסקי, סלאוואצקי, ער זינגט ווי סלאוואצקי:

מיר איז טרויריק גאט —<br>
איך זאג עס אפילו, ווען א צווייטער פאעט<br>
האט שוין א מאל געזאגט אט די ווערטער — —

אזוי איז דער גרויסער יידישער פאעט לייוויק, אוועק אונטער דעם שוץ פון גאטס היגל און די מלאכישע ווייסע פליגל, נאך וועלכן מיר אלע וועלן הייליק טרוירן מיט געבויגענע קעפ און פארוויינטע הערצער.

---

**רחל מירסקי** געפינט זיך אין שפיטאל אויף אן אפעראציע. מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה.





## יהושע פאדרא

איך האב אים געקענט ווי יהושע פאדרוזשניק, איינער פון מיינע נאנסטע חברים זינט ער איז געקומען קיין לאנדאן אין 1914 פון אנטווערפן, ווען די שטאט איז געווען באלאגערט פון די דייטשן. „ווי שנעל אלץ איז אריבער", שרייבט מיר פון ניו־יארק מיין פריינט און זיין פריינט אלמי. „אט זענען מיר יינגעלייט 20 יאריקע אין בעלגיע, א קליינע גרופע: פאדרוזשניק, גראדזענסקי און אים צו לאנגע יאר — חיים שאשקעס. איך בין ביי זיי געווען צו גאסט. דערנאך איז פאדרוזשניק געקומן קיין אמעריקא, געווען עטלעכע יאר, און צוריק געפארן קיין לאנדאן".

טאקי אלץ אזוי שנעל אריבער. אלמי איז געווען אין בעלגיע אין 1912, פאר זיין אויסוואנדערן קיין אמעריקא. איז פאדרא דעמאלט נאך ניט געווען קיין 20 יאריקער, נאר 18. 20 איז ער געווען אין 1914, ווען מיר האבן זיך באקענט אין לאנדאן. ער האט אנגעהויבן שרייבן זער פרי. „זשורנאליסטישע טעטיקייט אנגעהויבן צו 16 יאר", שרייבט זיך וועגן אים אין רייזנ׳ס לעקסיקאן. „אלס קארעספאנדענט פון פריינט, ווו ער האט רעגעלמעסיק מיטגעארבעט ביז די צייטונג האט ביים אויסבראך פון דער מלחמה זיך אפגעשטעלט". איז פאדרא אין לאנדאן גלייך אריין אין מאריס מייער׳ס „צייט", ווו ס׳איז דעמאלט אויך צוגעקומן לעא קעניג, פון דער באלאגערטער שטאט פאריז. זיי האבן אריינגעבראכט א פרישן, לעבעדיקן טאן אין דער צייטונג. פאדרא האט באלד געהאט אמביציעס. איידער ער האט געקענט ענגליש האט ער געוואלט צוקומן צו א גרויסע ענגלישע צייטונג. האט ער מיר פארגעלייגט אז איך זאל איבערזעצן עטלעכע פון זיינע אלגעמיינע ארטיקלען, און ער וועט אנשלאגן מיט זיי אין איינעם פון די פליט סטריט רעדאקציעס.

איך געדענק אים גוט, ווי ער איז דעמאלט געווען, דער 20 יאריקער, מיט זיין רירעוודיקן טעמפעראמענט און זיינע האסטיקע באגייסטערטע רייד. שטענדיק א קליינע פיגור, ביזן סוף, א דינער, א נערוועזער, און פול מיט ארבעסטס־ברען. אזוי ווי אין זיין פאטאגראפיע אין רייזנ׳ס לעקסיקאן.

אין לאנדאן האט ער ניט געזען קיין גרויסע מעגליכקייטן, און אין דער „צייט" האט ער זיך ניט געפילט זער באקוועם. געדענק איך ווי ער האט מיר פארטרויט אז ער וויל פארן קיין אמעריקא. דארט האט ער זיך ווידער געטראפן מיט אלמי, און זיי זענען געזעסן צוזאמען א צייט ביי איין טיש אין דער רעדאקציע פון „טאג".

ווי פיל אנדערע יונגע לייט דעמאלט, האט זיך פאדרא אנגעשלאסן אין יידישן באטאליאן, ווי בן־גוריון און בן־צבי, און יצחק ליכטנשטיין, דער מאלער, ווי דער דיכטער וויינפער, ווי ברבות, ווי קריטשמאר איזראעלי ווי נתן אויסיבעל, וואס זענען אלע נאך די דעמאביליזאציע געבליבן א צייט אין לאנדאן. ליכטענשטיין עטלעכע יאר. און פאדרא אויף שטענדיק. דעמאלט האבן מיר אין לאנדאן, מיט דער מיטהילף פון א גרופע אין קונסט־פאריין בן־אורי,

געגרינדעט דעם קונסט און ליטעראטור זשורנאל „רענעסאנס“, מיט לעא קעניג ווי דער רעדאקטאר, און א רעדאקציע קאלעגיום אין וועלכן ס׳האבן געהערט פאדרא, ליכטנשטיין, משה עובד, דוד זיידנפעלד און איך. שרייבט יצחק ליכטנשטיין אין ניו־יארקער „אלמאנאך־יידיש“ (1961) „אין לאנדאן האט דעמאלט אנגעהויבן אויפצובליען דער „רענעסאנס“ — א צייטשריפט פאר אלץ וואס האט צו טון מיט יידישע ענינים און ליטעראטור און קונסט“. וויינפער און קרעטשמאר איזרעאלי האבן אויך מיטגעארבעט אין די ערשטע נומערן, און מלך ראוויטש און ברוך גלאזמאן און אנדערע האבן צוגעשיקט זייערע זאכן. אויך ישראל זאנגוויל און לואיס גאלדינג זענען געווען צווישן די מיטארבעטער.

האט מיר קעניג געשריבן אין איינעם פון זיינע זעלטנע בריוו פון ישראל, וועגן אונזער „רענעסאנס“ גרופע — „נאך איינער אוועקגעגאנגען, אזוי ווי משה עובד פריער“.

דער „רענעסאנס“ האט געגעבן א סך פלאץ פאר קונסט און קונסט ענינים. מיר האבן רעפראדוצירט קאמיל פיסארא און זיין זון לוסיען פיסארא. מאדיליאני, שאגאל, יעקב עפשטיין, באמבערג און אנדערע. און דעמאלט איז אויפגעקומען קלארא קלינגהאפער, דאן א גאר יינג מיידעל פון א יאר 16. איך האב געקענט די משפחה אירע, און איינמאל טרעפנדיק פאדראן אויף מיין וועג אהין, האב איך אים מיטגענומען. און פון דעם איז געווארן דער גליקליכער שידוך פאדרא מיט זיין פרוי.

פאדרא איז געווען אומרויק און אמביציעז. ער האט געזוכט וועגן ווי אזוי ארויסצוקומען אויף א ברייטער פעלד. האט ער געגרינדעט דעם „אינטערנעשאנאל פראספעקטינגס ביורא“, וואס האט זיך שטארק פארשפרייט, און איז געווארן א וויכטיקע אינסטיטוציע, וואס שטעלט צו אויסשניטן וועגן זייערע ענינים צו רעגירונגען און אינסטיטוציעס און פערזענליכקייטן. איך דערמאן זיך, פארן וועלט־קריג, אבער ווען ס׳איז שוין געווען א היטלער רעגירונג אין דייטשלאנד, ווי פאדרא האט מיר געוויזן אן׳אפיציעלן בריוו פון איינעם פון היטלער׳ס מיניסטארן, איינער פון די וויניקער־באקאנטע, דער אגריקולטור מיניסטער, אין וועלכן ער האט באשטעלט אויסשניטן פון דער וועלט־פרעסע וועגן דייטשע אגריקולטור. פאדרא האט אים געענטפערט אז זיין ביורא איז א יידישער.

איך דערמאן זיך ווי פאדרא האט כמעט אן ערפארונג אין דעם פאך אנגעהויבן זיין צייטונגס־אויסשניט ביורא. איך בין דעמאלט געווען דער רעדאקטאר פון דער יידישער טעלעגראפן אגענטור (איטא), ווען ניט וואלטו מיר אפשר געמאכט א שתפות, ווייל פאדרא האט דאס געוואלט. אבער איך בין געווען פארנומען, און האב ניט אזוי געגלייבט אין זיין פלאן ווי ער. איך האב זיך און דער איטא באנוצט מיט צוויי פון די שוין דעמאלט עקזיסטירנדע אויסשניטס ביוראס, און איך האב ניט געזען דעם ברייטערן פעלד וואס פאדרא האט יא געזען, מיט זיין צוגאנג צו דער וועלט־פרעסע, בעת די אנדערע האבן זיך אפגעגעבן מייסטנס מיט דער פרעסע אין ענגלאנד. אבער די ערשטע צייט האב איך אים מיטגעהאלפן. איך געדענק ווי מיר זענען געגאנגען צוזאמען קויפן די



אויסלענדישע צייטונגען וואס זענען אנגעקומען אין לאנדאן. פאדרא האט געמאכט א גרויסע זאך פון זיין אונטערנעמונג. געווען א צייט אויך ווען זיין ביורא און די איטא האבן זיך געפונען אין זעלבן בנין אין פליט סטריט. אבער מיר האבן זיך אחוץ דעם געזען זער אפט. מיר זענען געבליבן נאנטע פריינט די אלע יארן. זיין לעצט בוך, וועגן יהושע בן־חנניא האט ער מיר געווידמעט, „מיין ליבן חבר יוסף לעפטוויטש“.

פאדרא האט זיך ארומגעטראגן מיט פלענער צו ווערן א פארלעגער. צוערשט האט ער ארויסגעגעבן אן׳ענגלישן זשורנאל, „אינטערנעשאנאל פרעס רעוויו“, ווו איך האב זיך אויך באטייליקט, מיט ארטיקלען פון פארשידענע לענדער איבער דעם מצב פון זייער פרעסע. ער האט אפגעקויפט די רעכט ארויסצוגעבן א יידישן ראמאן פון דעם טשעכיש־יידישן בלינדן שרייבער, אסקאר באום, און עס מיר געגעבן איבערצוזעצן פון דייטש אויף ענגליש. אבער זיינע פארלעגערישע פלענער זענען ניט דערפילט געווארן.

דערפאר איז פאדרא אבער געווארן אליין א שרייבער, און דוקא מיט ענגלישע ביכער, כאטש זיינע טעמאס זענען אלע געווען יידישע. נאך אין „רענעסאנס“ האט ער זיך אפגערעכנט מיט די גוים, מיט היטלער׳ס רבי, האוסטאן טשיימבערליין און זיינע טעאריעס איבער יידן. „מערקווירדיק“, שרייבט ער, „מיט ווי וויניק שטודיום די וועלט משפט יידן. ווי יידיש קלינגט טאלסטויס מעשה וועגן דעם טויטן עלעפאנט. עס האבן זיך פארזאמעלט ארום אים בלינדע, און געוואלט דערגיין ווי דער טויטער עלעפאנט זעט אויס. איינער האט דערטאפט דעם פוס, און געזאגט אז דער עלעפאנט איז לאנג און רונדיק. א צווייטער האט געפונען א צאן, און געזאגט דער עלעפאנט איז גלאט און שפיציק און הארט“. ער האט זיך אויך דארט אפגערעכנט מיט דעם אקטיאר מאריס מאסקאוויטש פאר זיין שפילן שיילאק אויף דער ענגלישער בינע. „אורטיילן מאסקאוויטש׳ס שיילאק קענען נאר פון צוויי שטאנדפונקטן — פון יידישן און גוישן. דערפאר געפעלט ער די גוים, און פאר יידן איז עס א בלאף“.

ווען היטלער האט איינגעפירט די נובעמבער געזצן, האט פאדרא ארויסגעגעבן אן׳ענגליש בוך מיטן נאמען „נורעמבערג“, א געשיכטלעכע פארשונג אין די ארכיוון פון דער שטאט, אין שייכות מיט אנטיסעמיטיזם. און ער האט באוויזן אז נורעמבערג איז שטענדיק געווען אנטיסעמיטיש — „600 יאר“, האט ער געשריבן, „פון רינדפלייש ביז שטרייכער. אבער זיי זענען אין אלעם בנוגע יידן דיזעלבע. די זעלבע מיטלן, דערזעלבער ציל, די יידן“.

פאדרא האט זיך מער און מער פארטיפט אין ארכיוון און אין אלטע ספרים און אלטע ביכער. ער האט אויפגעבויט איינע פון די גרעסטע און וויכטיקסטע יודייאיקא ביבליאטעקן אין ענגלאנד. ער האט זיך גענומען צו לערנען. די השפעה אין זיין יוגנט פון זיין פאטער, דעם גערער חסיד פון טשעכאנאוו, איז געווארן וואס גרעסער. די לעצטע יארן איז ער געזעסן און געלערנט.

פאדרא האט זיך באקענט מיט דעם גרויסן ענגלישן פאעט ראבערט גרייווס, וואס איז אויך א פארשער אין אלטע רוימישע און אנדערע מקורים. ער

האט געשריבן דעם בארימטן ראמאן, „איך, קלאדיוס", איבער דעם רוימישן אימפעראטאר קלאדיוס, וואס איז געווען דער פריינט פון מלך הרדות, ווען רוים האט געהערשט אין ארץ ישראל, קורץ פאר חורבן בית המקדש. האט גרייווס געלערנט פון פאדרא א סך וועגן יענער צייט, פון יידישן שטאנדפונקט. און זיי האבן צוזאמען געשריבן א ווערק וואס האט געמאכט א רושם, א פארש־ארבעט לויט יידישע קוועלן פעסטצושטעלן דעם אמת וועגן עוואנגעליום. אין פאדרא׳ס לעצט בוך, איבער יהושעה בן־חנניא האט ראבערט גרייווס א הקדמה, ווי ער זאגט, „ווען ניט איך וואלט יהושע פאדרא געהאלטן דאס בוך בלויז פאר יידישע לייענער. איך האב ביי אים געפועלט אז ער זאל אויך לאזן וויסן מיינע גוים וועגן דעם. זאלן זיי וויסן וויאזוי ישראל איז איבערגעקומען די אכזריות צוערשט פון אימפעריאליסטישן און דאן פון קריסטעלעכן רוים".

איז פאדרא געזעסן און האט געלערנט. אמאל איז ער געווען שטארק פארבונדן מיט דעם היינטטאג׳ין יידישן לעבן. ער איז געווען טעטיק אין פועלי ציון, אפילו געפארן אויף ציוניסטישע קאנגרעסן ווי א דעלעגאט פון דער ענגלישער פועלי ציון. ער האט זיך באטייליקט פון אנהויב אין דער ייווא ארבעט. יידישע שרייבערס ווי ראוויטש און סוצקעווער און אנדערע זענען אויפגענומען געווארן אין זיין הויז צו טרעפן זיך דארט מיט פריינט פון דער יידישער ליטעראטור.

אבער אין די יארן וואס ער איז געווען קראנק האט ער זיך צוריקגעצויגן. איך אליין האב אים מער געזען אין שפיטאל ווי אין דער היים. זיין שרייבן בריוו האט כמעט אויפגעהערט. אזוי ליגט ביי מיר א בריוו פון אלמין, דאטירט פסח צייט 1960, ווו ער שרייבט מיר : „איך בין באזארגט וועגן פאדראן. ער האט שוין מסתמא באקומן מיין בוך. דער פאקט וואס איך האב נאך ניט געהערט פון אים, באאומרואיקט מיך וועגן זיין געזונט".

האבן מיר טאקי באגלייט פאדא׳ן איצט קיין בושי, אויפן בית עולם דארט, און מיר טרויערן וואס נאך איינער פון אונזערע נאענסטע און בעסטע איז אוועק פון אונדז.

## מיין טלית

פופציק יאר פלעג איך דאוונען
מיט א טלית־קטן, א קליינס,
א זיידן שאלעבעל אויפן האלז,
א דינטשיקס, א פיינס.

איצט, אז איך ווער א זקן,
טראג איך א טלית א לאנגען,
א וואלענעם, ווי איך וואלט
אין א מאנטעל געגאַנגען.

א מאנטעל אזוי ווי יידן
האבן אין דער מדבר געטראגן,
ביים בארג סיני, ווען מיר האבן
די תורה געקראגן.

ווען איך טו אן דעם טלית,
בין איך איינער פון זיי.
איך פארשטעל מיט אים די אויגן
און מיין הארץ קלאפט דערביי.

איך דערזע גאטס קול,
איך דערהער זיין בליק,
איך באדעק מיטן טלית
דעם קאפ צוריק.



איך טראכט — ווי אמענש
לעבט א לעבן לאנג.
און דאן גייט ער אוועק,
זיין אייביקן גאנג.

און איך קלער — דער טלית
וועט זיין מיין טויטן־קלייד,
וואס איך וועל אים טראגן
אין דער אייביקייט —

## מ. אלמאן — נישט פון לאנדאן

דער יידישער וועלט־קאנגרעס האט אין חודש דעצעמבער ה.ו. אפגעהאלטן א סימפאָזיום אין פאריז געווידמעט דער אויפלעבונג פון יידיש. עס האבן זיך מטריח געווען קיין פאריז די גדולים פון לאנדאנער וועלט־קאנגרעס און געברענגט מיט זיך פראָיעקטן, עצות וואס דארפן ארייגעבן יידיש פריש בלוט.

שוין דאס אליין וואס דער וועלט־קאנגרעס, וועלכער רירט זיך נישט אָן ברייט־רעקלאמירטע קאנפערענצן, ווי : א שטאט־קאנפערענץ ; א לאנד־קאנפערענץ ; א וועלט־קאנפערענץ — האט די אסיפה אנגערופן סימפאזיום און נישט קאנפערענץ באווייזט, אז די ארגאניזאטארן האבן דער זאך נישט צוגעשריבן קיין גרויסע וויכטיקייט.

ווי די צייטונגען גיבן איבער, האט דאס סימפאזיום זיך ארויסגעזאָגט האר אויפלעבן יידיש דורך . . . איבערזעצן דעם תנ"ך אויף יידיש.

פאר די, וועלכעלעבן אין ענגלאנד, אזי דאס נישט קיין אריגינעלע אידעע, וואס איז געבוירן געווארן אין די מוחות פון די לאנדאנער יידיש־פארשפרייטער.

אט ערשט נישט לאנג האבן די ענגלענדער זיך ארומגעזען. אז זייער בייבל איז פארעלטערט, אין אן ארכאישער איבערזעצונג.

האבן זיך א נעם־געטון די ענגלישע טעאָלאָגן און ארויסגעגעבן די בייבל אין א פרישער, היינטצייטיקער שפראך.

ווי עס קריסטלט זיך אזוי יידלט זיך . . .

דאס געזעלשאפטלעכע לעבן פאדערט אקציע. טייל יידן זענען אקטיוו אין „בראָדערהאָד"־וואך, וויל אן אנדערע טייל אונטערטראגן אויך עפעס. און וואס קען זיין שענערע, א תנ"ך אויף יידיש ?

דער אנטערשייד איז אבער א גרויסער צווישן דער בייבל אויף ענגליש און תנ"ך אויף יידיש.

דער ענגלישער יוגנטלעכער איז דערצויגן געווארן און איז געבילדעט אין יוגנטלעכער אין ענגלאנד ווייס נישט פון קיין יידיש. און אויב עס אינטערעסירט עמעצן זיך צו באקענען מיטן תנ"ך, קען ער אים געפינען אין דער ענגלישער איבערזעצונג, אדער אים שטודירן אין אָריגינאל — אין לשון־קדוש.

דער שפראך, און וועלכער זיין בייבל איז איבערגעזעצט געווארן. דער יידישער פון וואנען זשע דער ווילן צו העלפן מיט עפעס יידיש ?

נישט אנדערש, נאר ס׳צענען, מן־הסתם, געבליבן שילומים־רעשטלעך מיט ארבעט יודעלעך, גרייט צו דעם תנ"ך אויף יידיש. פון דאנען דער חשק צו קלאוועלכע מע וויל זעטיקן א פאר קרובים ליידישער קולטור . . . זעצט זיך און סיפיצירן יהואשס תנ"ך־איבערזעצונג ווי שפראכלעך ארכאיש, פארעלטערט. אבער נישט פון לאנדענער עצות וועט יידיש געראטעוועט ווערן.

י. ריכטיגער

# יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

## די ערשטע שפאלטונג פון רעליגיעזן יידנטום

פינף דורות, פון יוסי בן יועזר איש צרדה און יוסי בן יוחנן איש ירושלים ביז הלל און מנחם, האבן די מנהיגים פון די צוויי סעקטעס, די ביתאיסים און ד׳ פרושים, צוזאמען אכטונג געגעבן אויפן רעליגיעזן לעבן פון אלע יידישע געמיינדעס אין ארץ ישראל. אין משך פון די צייט איז די איינציקע חילוקי דעות צווישן זיי געווען, וועגן „סמיכה" אדער „שבות". (בבלי חגיגה ט"ז, ירושלמי חגיגה פ"ב ה"ב) מען דארף אננעמען אז די חכמים, וואס האבן געפסקנט „שלא לסמוך": מען זאל ניט אנלענען די הענט אויף קרבנות אין יום טוב, זענען געווען פון דער סעקטע ביתאיסים, ווייל לויט די דעמאלטיקע היסטאריקער האבן די ביתאיסים שטרענג אפגעהיטן אין זייערע געמיינדעס די סייגים פון שבות און מוקצה: די באגרעניצונגען פון באנוצן אדער אנרירן זאכן אין שבת און אין יום טוב וואס מען קאן זיך דעראן באגייען. (יוסיפון־פלאוויוס „מלחמות פון די יידן" בוך 2, קאפ. 8, פאר. 9, שבת קכ"ג און בבא קמא־תוספות „בימי רבי") אבער די חילוקי דעות זענען געבליבן אקאדעמישע, די פרושים האבן ניט מקפיד געווען אויף דעם אסקעט־זם און די סייגים אין דעם לעבנסשטייגער פון די ביתאיסים און אויך ניט אויף דעם מיסטיציזם אין זייער וועלט באנעם, מען האט זיי אנגערופן חסידים, וואס זענען מקיים די מצות לפנים משורת הדין": מער ווי עס איז באפוילן געווארן. די ערשטע שפאלטונג פון רעליגיעזן יידנטום איז געקומען ווען מנחם, דער מנהיג פון די ביתאיסים, האט פארלאזט די ישיבה, ווו ער און הלל הזקן זענען געשטאנען בראש און מיט הונדערט אכציק פון זיינע תלמידים זיך פאראייניקט מיט הורדוסן, כדי צו באקעמפן דעם אויפשטאנד פון זייערע פריערדיקע חברים, די פרושים, וואס האבן ניט געוואלט אנערקענען הורדוסן פארן מלך איבערן יידישן פאלק, ווייל ער האט געשטאמט פון גרים. (יוסיפון־פלאוויוס „דער אלטערטום פון די יידן" בוך 15, קאפ. 10, פאר. 5, בבא בתרא ג׳־ד׳).

שמאי איז געווארן דער מנהיג פון די איבערגעבליבענע ביתאיסישע געמיינדעס און מנחם מיט זיין חברותא זענען ארויס אין דער וועלט צו ווערבירן מיטגלידער פון יידן און פון ניט־יידן, פאר זייער מיסטישע משיח־אמונה. די מיינונג פארשידנקייט צווישן די אנהענגער פון שמאי און די אנהענגער פון מנחם איז געווען, וועגן דער רפואה, וואס מען זאל באנוצן, אויסצוהיילן די פארדארבנקייט פון די מענטשנקינדער. ביידע האבן געגלויבט אז די תורה איז געגעבן געווארן כדי מחזיר למוטב זיין די מענטשנקינדער. אבער די אנהענגער פון שמאי האבן געהאלטן, אז מיט סייגים: ארומצוצוימען די געזעצן פון דער תורה, כדי עס זאל בכלל ניט מעגלעך זיין צו איבערטרעטן זיי, וועט ניט זיין קיין זינדיקע וואס זאלן אויפהאלטן דאס קומען פון הימלישן משיח מיט זיין מלכות שמים אויף דער ערד. און די אנהענגער פון מנחם האבן דאס אפגעווארפן, ווייל עס איז שווער אפצוהיטן אלע געזעצן פון דער



תורה מכל שכן נאך מיט צוגעגעבענע סייגים. זיי האבן דעריבער באהויפטעט, אזוי ווי דער תמצית פון דער גאנצער תורה איז דער — „ואהבת לרעך כמוך: זאלסט ליב האבן דיין שכן ווי זיך זעלבסט, וועט זיין א סך לייכטער איינצופלאנצן ליבע צום שכן וואס וועט לגמרי אונטערברענגען בייז אדער זינד און אניאגן דאס קומען פון הימלישן משיח מיט זיין מלכות שמים אויף דער ערד.

די צייט איז דעמאלט געווען א זער פאסיקע פאר רעליגיעזע עקספאנסיע, א דאנק דער השפעה פון איבערזעצטן תנ"ך אין גריכיש האבן א סך געצנדינער געזוכט א מער זיטלעכע רעליגיע ווי זייערע אלטע אויסגעלאסענע קולטן. דאס טראדיציאנעלע יידנטום איז ניט געווען להוט אויפצונעמען פרעמדע אין אירע רייען, די אונטערדריקונגען און מערדערייען פון אדומישן גר הורדוס, האבן דערוועקט ביי זיי א שטארקן ווידער־ווילן קעגן פרישע גרים. די ביתאיסים פון מנחם זענען דעריבער געווען פריי פון קאנקורענץ אין זייער מיסיאנערישער טעטיקייט, זיי האבן אויך געהאט די אונטערשטיצונג פון הורדוסן, מחמת דאס אויפמאכן די טויערן פון זייער אמונה פאר פרעמדע האט לעגאליזירט זיין מלכות איבערן יידישן פאלק, און ער האט זיי דערפאר באפרייט פון דער לאיאליטעט שבועה צו אים וואס אלע האבן געמוזט שווערן. (יוסיפון־פלאוויוס „דער אלטערטום פון די יידן" ב.15, ק.10, פ.5) אזוי האבן די ביתאיסים פון מנחם, מיטן אויסטראכטן א וועלט באנעם פון בלויזן גלויבן אנשטאט לערנען, זיך ארויסגעלאזט צו דעראבערן די גאנצע וועלט מיט זייער משיחיזם און א תורה פון דריי ווערטער — „ואהבת לרעך כמוך": זאלסט ליב האבן דיין שכן ווי זיך זעלבסט, וואס מען קאן איר אויסלערנען שטייענדיק אויף איין פוס.

דער געצנדינער וואס איז געקומען צו שמאי און הלל האט געהאט פארלאזט זיין אלטן קולט און הערנדיק אז מען קאן אויסלערנען די גאנצע יידישע תורה שטייענדיק אויף איין פוס האט ער באשלאסן צו ווערן א ייד. שמאי האט אים אפגעשטויסן פון זיך מיט זיין שטעקן, איז ער געגאנגען צו הלל און הלל האט געזאגט צו אים — „דעלך סני לחברך לא תעביד זו כל התורה כולה ואידך פירושה הוא, זיל גמור": וואס דו האסט פיינד זאלסטו ניט טוען צו דיין פריינד דאס איז דער תמצית פון דער גאנצער תורה, אלעס אנדערע איז די אויסטייטשונג פון דעם, גיי לערן. (שבת ל"א) מחמת הלל ענדיקט מיט „זיל גמור": גיי לערן, איז מען בארעכטיקט אנצונעמען, אז אויך הלל האט אפגעשטויסן דעם געצנדינער פון מגייר זיין, ניט ווי שמאי מיט א שטעקן, נאר מיט רייד. ער האט דערקלערט דעם געצנדינער, אזוי ווי מיר יידן האבן פיינד ווען אנדערע צווינגען אדער אנלאקן אונז אנצונעמען זייער דענקן און גלויבן, אזוי טוען מיר ניט צווינגען אדער אנלאקן אנדערע אנצונעמען אונזער דענקן און גלויבן, נאר אויב דו ווילסט באמת ווערן א ייד גיי לערן. דער סוף איז טאקי געווען, דער געצנדינער האט געלערנט און איז געווארן א גר צדק.

אבער הגם הלל האט אפגעווארפן די באהויפטונג פון מנחמס ביתאיסים אז „ואהבת לרעך כמוך" איז דער תמצית פון דער תורה, דאך האט ער געהאלטן אז

גוטסקייט און ליבע איז א קארדינאלער פרינציפ פון דער תורה. אין זיין ערשטן מאקסים אדער מאמר האט הלל געזאגט — „הוה מתלמידיו של אהרן, אהב את הבריות ומקרבין לתורה“: זאלסט זיין פון אהרנס תלמידים, זאלסט ליב האבן שלום און נאכיאגן שלום, זאלסט ליב האבן די מענטשן און זיי דערנענטערן צו דער תורה. (פרקי אבות פ״א־י״ב) מען דארף נית פארגעסן אז א פאנאטיקער האט ליבער זיין דענקן און גלויבן ווי מענטשן, ער וועט זיך נית צוריקהאלטן פון ווי טוען מענטשן כדי זיי איבערצוקערן, ווען אפילו דער תמצית פון זיין דענקן און גלויבן איז גוטקייט און ליבע, אזוי ווי דאס קריסטנטום האט אין די צוויי טויזענט יאר פון איר עקזיסטענץ מיט פייער און שווערד ארויפגעצווינגען אויף אנדערע איר „ואהבת לרעך כמוך“: איר גוטקייט און ליבע. דערקעגן דער וואס איז טאלעראנט האט מער ליב מענטשן ווי זיין דענקן און גלויבן, ווען אפילו ער איז איבערצייגט אז זיין דענקן און גלויבן איז דער אבסאלוטער אמת וועט ער קיינעם נית ווי טוען כדי צו באגליקן אים מיט זיין דענקן און גלויבן, נאר ער וועט געבן שפייז און קליידער, עצות און ענטפערס צו יעדן איינעם וואס וועט פרעגן, כדי דורך זיין ליבע צו שלום און מענטשן, אדער טאלעראנץ און גוטקייט, דערנענטערן זיי צו זיין דענקן און גלויבן, צו דער תורה.

וועגן דעם טאקי, צו טאלעראנץ, וואס איז דער תמצית פון דער גאנצער תורה, דארף זיין א פועל יוצא פון ליבע צו מענטשן, אדער נית, זענען הלל און שמאי מחולק. ווען הלל האט געזען אז זיינע תלמידים האלטן זיך גרויס מיט זייער לערנען און פארשעמן די דארפסמענטשן, האט ער צו זיי געזאגט — אויב אייערע ברידער וואלטן נית געהארעוועט אין די פעלדער וואלטן מיר געשטארבן פון הונגער, משה רבינו האט דערפאר צוערשט געבענטשט דעם שבט זבולן — „שמח זבולן בצאתך“: פאר זיין ארבעטן אין פעלד, און דערנאך דעם שבט יששכר — „ויששכר באהליך“: פאר זיין לערנען. (בראשית רבה מ״א) שמאי אבער האט אין זיין ערשטן מאקסים אדער מאמר געזאגט — „עשה תורתך קבע“: דו זאלסט מאכן דיין תורה פאר דעם עיקר פון דיין באשעפטיקונג, שטענדיק זאלסטו לערנען, נית פארברענגען דיין צייט אין ווארשטאט אדער פעלד. פארשפיל אויך נית דיין צייט מיט ריידן — „אמור מעט ועשה הרבה“, און — „והוה מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות“: דו זאלסט אויפנעמען יעדן מענטש העפלעך, מיט א פריילעכן פנים. (פרקי אבות פ״א ט״ו) דער סוף פון שמאיס מאמר איז א דערקלערונג אויף זיין מיינונג, אז נית וועגן דעם פרינציפ פון ליבע צו מענטשן איז טאלעראנץ דער תמצית פון דער תורה, נאר וועגן אן אנדערן פרינציפ, ווי מען זעט דאס פון דער וויטער ציטירטער פלוגתא צווישן שפעטערדיקע חכמים.

רבי עקיבא האט געזאגט — „ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה“: זאלסט ליב האבן דיין פריינד ווי זיך אליין איז א קארדינאלער פרינציפ אין דער תורה. דאס הייסט: רבי עקיבא האט געהאלטן ווי הלל הזקן. און בן עזאי האט געזאגט — „זה ספר תולדות אדם . . . בדמות אלהים עשה אתו׳ זה כלל גדול מזה: מיט פארשטאנד און קליגשאפט, ענלעך צום אלמעכטיקן האט ער



אים געמאכט“, איז א גרעסערער פרינציפ ווי ליבע. (ספרא קדושים פ״ד־י״ב, ירושלמי נדרים פ״ט ה״ג און רש״י בראשית ה׳) דאס הייסט: בן עזאי האט געהאלטן ווי שמאי אז מען מוז יעדן מענטש אויפנעמען בכבוד, ווייל דער אלמעכטיקער האט געגעבן דעם מענטש פארשטאנד און קליגשאפט ענלעך צו זיינעם. דערפון איז קלאר צו זען אז לויט שמאי איז טאלעראנץ א פליכט, נית א פועל יוצא פון גוטהארצעקייט. שמאי האט, פארשטייט זיך, אויפגענומען דעם געצנדינער, וואס איז געקומען זיך מגייר זיין, „בסבר פנים יפות“: מיט העפלעכקייט און א פריילעכן פנים, אבער הערנדיק דעם תנאי, וואס דער געצנדינער רעדט זיך אויס, האט ער אים אפגעשטויסן פון זיך מיט זיין שטעקן, ווייל עס איז געווען קעגן זיין געדאנק אז מען זאל פארברענגען צייט מיט דערקלערן, וואס הלל האט געטוען וועגן זיין ליבע צו מענטשן. (עירובין י״ג)

הערפאר טאקי, וואס שמאי האט אפגעווארפן די אידיי אז ליבע צו מענטשן איז א קארדינאלער פרינציפ פון דער תורה, האט ער ארומגעצוימט די מצוות מיט זער א סך שטרענגע סייגים, וואס האבן אפילו נית געהאט קיין אנלען אין דער תורה, כדי צו באשווערן דאס אויפנעמען פון גרים. אין דער גמרא ווערט וועגן דעם דערציילט עטלעכע עפיזאדן, — ער האט נית געוואלט געבן זיין קינד צו עסן אין יום כפור אפילו מיט איין האנט, האבן די חכמים גוזר געווען אויף אים ער זאל געבן דעם קינד צועסן מיט ביידע הענט. (יומא ע״ז) אז זיין שנור האט געבוירן א יינגעלע אין סוכות איז ער ארויפגעקלעטערט אויפן דאך, אים אויפגעבראכן איבער דער קימפעטארינס בעט און באדעקט מיט סכך. (סוכה כ״ח) און אז הלל האט שמאי קריטיקירט וועגן די שווערע גזרות וואס ער איז גוזר, האט שמאי געזאגט צו אים — אויב דו וועסט מיך דערצערנען וועל איך גוזר זיין נאך שווערערע. (שבת י״ז) הלל האט געדולדעט די קאפריזן פון שמאי, ווייל שמאי איז געווען אייניק מיט אים אז „דעלך סני לחברך לא תעביד“ איז דער תמצית פון דער גאנצער תורה, איז אזוי ווי ער האט נית ארויפגעצווינגען זיינע תקנות אויפן פאלק, אזוי האט שמאי נית ארויפגעצווינגען זיינע. יעדער איינער פון פאלק איז געווען בארעכטיקט און פריי איינצושטעלן זיין לעבנסשטייגער אזוי ווי שמאי האט געפסקנט אדער ווי הלל האט געפסקנט. (חולין מ״ד) נאך מער די אנהענגער פון שמאי זענען געווען אזוי טאלעראנט צום דענקן און גלויבן פון הללס אנהענגער, און די אנהענגער פון הלל — צום דענקן און גלויבן פון שמאיס אנהענגער, אז זיי האבן געוואלט זיך משדך זיין איינער מיטן צווייטן, אדער פארבעטן צום עסן איינער דעם צווייטן, האט יעדער פון זיי געזאגט פון וועמען ער איז אן אנהענגער כדי דער באשלוס, פון אננעמען אדער נית אננעמען, זאל זיין א פרייער. (יבמות י״ד)

דריי רעליגיעזע קאנצעפציעס האבן זיך אנטוויקעלט פון דער דאמאלטיקער שפאלטונג. מנחם מיט זיין חברותא, וואס האבן פארלאזט דעם בית המדרש, צו ווערבירן מיטגלידער פון יידן און נית־יידן פאר זייער אמונה אין א הימלישן משיח מיט א תורה פון דריי ווערטער — „ואהבת לרעך כמוך“: זאלסט ליב האבן דיין שכן ווי זיך אליין, זענען פארשווינדן פון דער וועלט ארענע. דער נאכפאלגער פון זייער אמונה און תורה איז געווען שאול פון

טארסוס אדער פאולוס מיט זיין קריסטנטום, וואס האט זיך לגמרי אפגעזאגט פון טראדיציאנעלן יידנטום מיטן אויסגאנגס־פונקט פון יציאת מצרים: פון ערשטן היסטארישן קאמף קעגן עקספּלואטאציע פון ארבעט און באצווינגונג פין דענקן און גלויבן, און אנשטאט דעם איבערגענומע די פרימיטיווע לאנ־דווירטשאפטלעכע פייערונג פון דעם ווינטערדיקן זונאומוועגד, צו סימבא־ליזירן תחיית המתים און דעם נצחון פון ליכט איבער פינסטערניש אין דער משיחשער עפאכע. דער אסקעטישער און קאמוניסטישער לעבנסשטייגער, וואס דאס קריסטנטום האט אויפבאהאלטן אין מאנאסטירס אדער קלויסטערס, איז דער סימן און באווייז פון ביתאיסימשן אפשטאם.

די ביתאיסים, וואס זענען געבליבן מיט שמאי, האבן אויך געגלויבט אין א הימלישן משיחיזם. אבער מחמת שמאי איז געווען איינשטימיק מיט הלל, אז דער תמצית פון דער תורה איז — „דעלך סני לחברך לא תעביד״: וואס דו האסט פיינד זאלסטו ניט טוען צו דיין פריינד, האבן זיי ניט אנגעלאקט אנדערע צו זייער אמונה, נאר להיפוך, באשווערט די געזעצן פון דער תורה מיט גזרות און סייגים, כדי זיך וואס מער אפצושיידן פון די אנדערע יידנס לעבנסשטייגער און מלחמות פאר דער זעלבסטשטענדיקייט פון ארץ ישראל. בעת דאס יידישע פאלק איז געווען פארוויקעלט אין קאמף מיט דער באזעצונגס ארמיי פון רוים, האבן זיי זיך צוריקגעצויגן אין זייערע ישיבות און געהאפט איבער צוקומען דעם שונא מיט זייערע טייטלהעלצער, מיט זייער לערנען. (גיטין נ״ח) אליין די פרושים פון הלל זענען געבליבן טריי דער יידישער טראדיציע פון „וחי בהם ולא שימות בהם״: די געזעצן פון דער תורה זענען א קולט פון לעבן, ניט א קולט פון טויט. איר זאלט צופאסן די תורה צו אייער לעבן. ניט אייער לעבן צו איר. (יומא פ״ה) זיי האבן דעריבער פארווארפן דעם אסקעטיזם און מיסטיציזם פון די ביתאיסים צוזאמען מיט זייערע גזרות און סייגים, און זענען אויפגעשטאנען קעגן די רוימישע באצווינגער צו פארטיידיקן זייער ירושה לאנד און זייער לעבנסטייגער.

## א. נ. שטענצל

### 10 שניי - סאנעטן

פון קעלט קורטשען, קרום־הויקערדיק, די וועגט,
ס׳באלטנדל, פאלטן־פארשרומפלט, ווערט גרויער;
מען זאל דערזען ארומשוועבן דעם טרויער,
דאס פליגן־צעפינטלטע לעמפל ברענט.

דער שיטנדיקער שניי דרויסן און ענד?
פארן פענסטער דער וואקסנדיקער מויער?
נישט פון פראסט, רויט־צעפלאמט, אנגעגליט אויער,
ס׳ציטערט די פען — נישט פון קרירה די הענט:

פון ווייט־ווו ווי געוויין טיף־פארוואונדיקט געזאנג,
ווייס אבלדיק, אויף שפּיץ־פּערז, וואנדלדיקער געזאנג,
ס׳שטובל פול ווערט ווי מיט סאוועגעשווייג.



וואיענדיק קראקעט כארכלדיק געשריי!
ווערטער — שווארצע וואָנעס אין ווייסן שניי,
אויסגעזעצט אויף ווייס־ציטערדיקער צווייג.

טשוויטשער אין מיין קאפ, זאווערוכע דרויסן?
א קראנק פייגעלע פארוואגלט, פארצאגט,
ס׳האט דער ווינט אין שטובל אריינגעיאגט —
דורך צעבראכענער שויב אריינגעשטויסן?

האט ווער ווען געזען אזא נעסט א גרויסן!
זע, אויבן ס׳זונעלע גייט אויף, עס טאגט!
און ווען מיט ווארט ס׳הארץ פון זיך אויסגעקלאגט,
געווען דען חס־חלילה עפעס אויסן?

ווי ס׳צענעמט די פליגעלעך, ס׳פלאטערט ס׳פליט,
זינגט זיך אזוי זיס וויינענדיק א ליד:
זע, פארפלויגן ערגעץ אויף א פלאנעט —

ס׳צאפלט אין מיין פאכווע מיט א שווייגעלע,
בלינצלדיק אזוי קלוג מיט איין אייגעלע:
צוזאמען מיט דיר אפשר ווו, העט־העט־העט?

נאך חצות, דער זיידע בוים פענסטער בלייבט שטיין
זיינע פינגער אין שויב דבקותדיק פייקלען:
בארג־אראפ גילגול־שלג זיך צו קייקלען,
דער שניי א קאפ שטארקער מוז נעמען גיין.

א גאנצע שטאט נעמען אויף זיך אליין,
יעדע שקלא־וטריא־חומרא מיקלען — —
ס׳איז נישט גמטריאות, א נוטריקלען —
מחלוקת הפוסקים מכריע זיין!

כ׳זע דעם זיידן ווי ביים פענסטער ער שטייט
אויפגעלויכטן אין התלהבות פרייד:
א געדיכטער שניי ווירבלדיק נעמט שיטן.

און זע מיינע שטייפע פינגער פון קעלט,
אינמיטן שרייבן זיך נישט אפגעשטעלט,
נישט איבערגעריסן ס׳קאפיטל נ׳מיטן.

שטייט נישט אויף ווייס פּיקער מיט שווארץ־פארשריבן:
אין גן־עדן צום עץ־החיים בוים.
מענטשן צו אים קוים צוקומען קענען קוים,
ווייט ווו אונטער כרובים־שווערד שטיין געבליבן —

**די פירות פון קיינעם צונויפגעקליבן!**
פאַרליבטע זעען זיי אין שוידער־טרוים,
ווען ס׳פאַלט גורלדיק א שטערן אין רוים — —
דער מענטש פון גן־עדן ארויסגעטריבן.

בלויז ווען דער עץ־החיים־בוים טוט בליען,
זיין ווייסער עפל־צוויט נעמט ארומפליען,
פאַלט ער צעשטערנט אויף דער שוואַרצער ערד.

די שפע וואָס וועט זיין, זיך פאָרצושטעלן —
מיט שאָולען מ׳שאַרט זיין צוויט פאַר די שוועלן!
וואָכן ווי דאָס שניי־שיטן נישט אויפהערט.

. . . מיט איינמאָל די גאַנצע ערד פאַרשוווּנדן,
ווייט ווו צווישן די גלגלים אַריין,
זי דרייט זיך וואָלקן אויס, וואָלקן איין,
אין געווירבל־ווינט, גלגלדיקן רונדן.

וויל איך מיך אבער דערוויסן, דערקונדן,
בין איך נישט געבליבן איינער אליין?
היינטיקע צייטן קאָן דאָך אונטערגיין,
ערדעלע ווי אונזערס אין א פאָר שטונדן.

געכאַפּט וואָס־נישט־איז איילִיק שנעל אויס זיך,
אויף דער גיך — די אָפּגעטראָגענע שיך,
און שוין אין דרויסן, אויף יענער זייט טיר —

נח פאר זיין תיבה אזוי געמוזט שטיין!
ניין, וועלט אזוי שיין וועט נישט אינטערגיין,
איר לויטערקייט ביז אין הארץ אריין כ׳שפיר.

פונם ווייס־קלאָרן שניי מענטשן מאַכן,
וואַרעמען אָטעם אין זיי אַריינהויכן,
דערקלעטערן מיט זיי צו העכסטע הויכן,
פון אַלץ וואָס נידריק הילכיק זיך צעלאַכן —

אזא איז די וועלט וואָס קאָן מען מאַכן!
פול מיט טשאַדן, מיט שטיקנדיקע רויכן!
צו די טיפענישן, צום תוך־התוכן
זיך דערקייקלען אויף קאַלט־קלאָרסטע פלאַכן.

שטייט נישט די וועלט אין בליענדיקן צוויט —
אן עפל־בוים צעבליט און שיט און שיט.
ווו די זינגענדיקע פייגעלעך זיינען?



אין מיטן זייערע זיסע געזאַנגען,
פון גרויס געפיל זיינען זיי אויסגעגאַנגען;
האָרך, ווי דער עכא הערט נישט אויף צו וויינען.

ווערן ווערטער ווי וויגע־ווינט צעשאטן,
ווי דער שניי וואס צעגייט און צערינט,
קיין זכר בלייבן, ווי פון אים אַצינד,
ווי פון א טראָט וואס שווער אים געטראָטן?

איבער אונזער טויט שטיין אַ ווייסער שאָטן,
א שניי־בוים ווילד צעשטויבט אין ווירבל־ווינט,
אָנפליען אַ וואָרנע פריידיק־געשווינד,
שפייז פאַר איר קינד געפינען איר געראָטן.

בלויז וואָס שוין מענטשן־קינד? דורות צומאָל?
אַ ווידער דאָס זעלבע און נאָך אַמאָל —
איז מיליאָן מאָל לעבן מיליאָן מאָל טויטער?

בלויז דאָס וואָרט, ווי שניי שטערנדל אזוי קלאָר
ווי הענגענדיק טרערנדל אויף וויע — וואָר,
פאַלנדיקע רגע ווי ריין ווי לויטער.

האָב איך געזען היינט אין דער פרי אַ טאַטן,
מיט זיין יינגעלע זיך קייקלען אין שניי:
ווי געגליט זיירע אויגן — מיר פאַר זיי,
אז עס זאָל זיי חלילה נאָר נישט שאַטן.

זיבן מאָל פאַלנדיק אויף גליטש אויף גלאַטן,
נאָכגעגאַנגען די שפּילנדיקע צוויי:
אין שיטנדיקן שניי דעד זון אויפגיי,
דועט־געזאַנג אויף שפילנדיקע פלאטן —

ווי געדרייט עס האָט זיך דער שניי, די זון,
אדער גאר אין מיין קאפ — ס׳געזאַנג דערפון?!
זומער־פייגעלעך ארום ליליען־ווייס,

דער פלאַטער־טאַנץ פון די שניי שטערנדלעך —
אויף מיינע וויעס הענגען טרערנדלעך,
און פאַלן אין שניי אראפ גליאיק־הייס.

נישט אין קיין טרויקע צעקלינגען מיט גלעקלעך,
נישט מיט קיין געליבטע אין א שליטן,
און דער שניי וואס הערט נישט אויף צו שיטן
מאַכט נאָך רויטער אירע צעפלאַמטע בעקלעך.

באַזילבערט אירע גין־גאָלדענע לעקלעך —
א פּאָעט מיט סאָנעטן טוט שיטן!
װער ברויך זיי, מיצקע־דרינען, אין מיטן,
ביי א פאָלק אזוי תכליתדיק־צוועקלעך,

וואסער צוועק לידער צו אייז־צעפלעך, צו שניי,
ווילד־באַוואונדערן א וויגע אין געדריי?
כאָטש די מייז די סאָנעטן איינצורוימען!

נאָך שייטעראוויין קרעמאַטאָריע־קוימען,
צעגייען זיי דאָך, אין די פלאַמען אין רויך —
„שפּוך — — — — — — — — — — — — — —

אינמיטן שרייבן, אינמיטן די שורה,
פון דיין טויט לייוויק געקומען די שמועה,
כ׳האב איבערגעריסן, ווי מ׳רייסט קריע — —
אין מיין בליק דיין שלאַנקע, קלאָר־ווייסע צורה.

דער סקרוך איבער מיין לייב, די אויפשרעק־קרירה,
עפּעס הענגט אייז־געפרוירן אויף מיין וויע:
איז טויט פאר געראַנגל לעצטע ישועה?
צאַפלדיק פלאַצט לעצטע סטרונע אויף לירע —

שערבלעך ליגן אַצינד אויף דיינע אויגן,
דיינע סטרונעס סטראָ׳ענדיק אָנגעצויגן
וואָ׳ענדיקער ווינט וועט וויינענדיק באַוועגן —

וואָס איז לעבן, וואס איז טויט, וואָס אומשטערבלעך,
אז אייביק ליגן אויף די אויגן שערבלעך,
און רק מיר טאַפּן אויף גליטשיקע וועגן.

° ° °

שניי־בלומלעך געוואַקסן אויף מיין פאַראייזטער שויב,
אָפּגעריסן אויף דיין פרישן קבר צו לייגן;
זיי וועלן נישט פאַרוועלקן — טרערנדיק טריפן,
אויף דיין פנים, געהילט אין הייליקן שווייגן.

א שפּיגל אין אבילות די זון פאַרהאַנגען!
בלויז צי ברויכן שניי־בלומלעך, אז זון זאָל זיי פלעגן...
און אין אַ קרענצל זיי צוזאַמענצובינדן
דיין „שיך־בענדל“ געפונען אויף סיבירער וועגן.

שערבלעך וועלן אַראָפּפאַלן פון זיינע אויגן.
און ס׳בלוט לעבעדיק וועט נעמען זידן אין אים,
דיין בלוט, טראָפּנווייז, אַ קרעל־שנירל אויפגעצויגן! —
דיינ׳ס אַ בענדל לידער ס׳וועט ווער ווו געפינען, —





א.

אין די צייט פון ר׳ בעריש הערציגער, אין דער ערשטער העלפט פונם 19׳טן יאָר־הונדערט, זיינען נאָך אלץ אנגעגאנגען די גרויסע מחלוקות צווישן מתנגדים און חסידים; שפּעטער זיינען נאָך צוגעקומען מחלוקות און ווילדע קריגערייען צווישן אייגענע; ווי די מלכים אין אייראָפּע האבן זיך נישט געקענט איינטיילן מיט פּוילן, אזוי די פריש־אויפגעקומענע רביסטוועס — יעדער הויף איז געווען א נייע פּאַווסטאַניע!

איבער דרייסיק יאָר איז געווען בענדינער רב ר׳ משה האמבורגער, דעם רבין ר׳מלך׳ס שוואגער. און דער וועג פון ליזענסק קיין מעזריטש איז געווען א גראַדער דרך־המלך, — אן קאמערן מיט זשאנדארמען, אן נאַטשאַלניקעס מיט אָביעשטשיקעס, — א גרענעצלאָזער־אין סופיקער, איינער דעם צווייטן האט געהאלטן ביים גארטל, בלינדע, לאמע — א פּיעכאטע־פּולק האט מארשירט און פאַרויס האט געריטן נאפּאלעאָן — דער מגיד פון קאזשעניץ!

דעמאלט שוין, — די שטאָט בענדין נאָך געווען גליל־לעלעוו ופּאָוויאַט־שעווער, — איז ר׳דודל שוין ארומגעגאנגען איבער די שטעטלעך און דערפלעך פון זאגלעמביע ווי א מלאך־אלוקים אויף גאָטס ערד. נישט נאר האט יעדער ייד אים אקייגנגעטראגן זיין צעבראכן הארץ אין דער שלום־עליכם־האנט און יעדער פויער אים אקייגנגעקניט זיין „בוג זאפּלאטש“, נאר יעדעס דאָרף־פערד האט אים געקוקט אין די אויגן ווי א נאָנטן — עס איז געווען ווארעם אונטער די פיס, גייענדיק אויף דער זאגלעמביער ערד!

נאָך ר׳משהס פּטירה האבן די מתנגדים צוריק אויפגעהויבן די קעפּ. איבער א „ויצמח פורקניה“ האבן הייסע פּעטש געקלונגען, אז אלע שויבן פון שול זיינען ארויסגעשפּרונגען. די ערד איז געווען צו היציק, אז אפילו דער סטאראָסטע האט גארנישט געקענט אויפטון. אויף איין אסיפה, וואס האט זיך צעברענט מיט אזא פייער, אז ער אפילו איז ארויס מיט צעבראכענע ביינער, האט ער זיך גארנישט געקענט אפּלויבן אין שווער אויפן בהמה מארק דעם וואוידעסלאווער יינגנמאן בונם, דעם קופּיעצס משה וואלבעראמער׳ס איידעם.

— אין פייער זיינען אלע געלאָפן, איינס ס׳אנדערע איינצושלינגען ווען ער האט א „דוך“ פון מויל ארויסגעלאזט. ווען מיר האבן אזא „כלאפּ“, וואלטן אונזערע „פּאַווסטאַניעס“ אנדערש אויסגעזען. פונקען שפּריצן אים פון די „שליפּיעס“ — פלאַם־פייער! „סטאַרי־זאַקאָנניך!“ האָט ער זיך געצלמט...

נאָך יארן האבןביידע כתות, די שני כתובים, מורא באקומען פאר דעם כתוב השלישי; ווי ווייט איז דען בענדין פון ברעסלאָ? א נאכט־ריט מיט א פלינק פערד! און אויפן שווערער מארק טרעפט מען זיך מיט די לייפּציקער ווי מיט אייגענע — אין בראד ברענט שוין די באד! די „בערלינטשיקעס“ האבן זיך שוין ארייננגעכאפּט אין דער לובלינער געגנט . . . און אויף דער לעצטער אסיפה האט מען זיך געאייניקט אויף ר׳ בעריש הערציגער — אויב נישט פאר א רב, זאל מען פאר א מוץ און ראש ישיבה אויפנעמען דעם סלאווקעווער מתמיד, דעם וואלבעראמער פרנס׳ איידעם, דעם תלמיד מובהק

פון ר׳ ירמיה מאטעסדארפער, דעם פוילישן בחור, וואס האט געזוכט עמקות א־ן לערנען און געוואלט אוועק פונם לייכטן פוילישן חריפישן פלפול, און געזוכט אויך אין דער שטיל שכל־הישרדיקע תשובות אויף חקירות און ספקות.

און אפשר אן אלטע בענקשאַפט געטראָגן אין זיך פון דורות, — זייבען דאך זיינע עלטער־עלטער זיידעס געקומען פון יענע מקומות, פון מערן און בעמען, די פאַרטריבענע דעמלט און געפינען דאָ מנוחה אין די פויליש דערפער, שלעזיע־זאַגלעמביע און אויפגעבויט די שטאָט בענדין, — ווילט זיך אים זען דעם מקום ווו די וויג פון זיינע הערציגער־אבות איז געשטאַנען ? . . .

דער ערלעכער, פשוטער בחור, אזוי ווי ר׳איז אהינגעפארן, אזוי איז ער צוריקגעקומען אהיים — ער איז געווען א „נכנס בשלום ויצא בשלום״ ! וויפיל האבן זיך אוועקגעלאזן אין די טשעכישע, אונגארישע ישיבות, מכלומרשט געפארן לערנען, נאר ווי זיי האבן געכאפט אביסל ס׳לשון, זיינען זיי שוין אין נאך עפעס געכאפט געווארן . . . און געבליבן שטעקן על פרשת דרכים, אויף די געפערלעכע וועגן, צוזאם מיטן נאפאלעאנישן מיליטער אדער גאר געענדיקט אין ברלין.

ווען ר׳דודל לעלעווער איז געקומען נאך בענדין אויפן מארק־טאג, גאָט׳ס באשעפענישן לייכטער צו מאכן, אנצופאיען א דורשטיק פערד, א פארפלאָנטערט קעלבל אויסצומאָטן, צומאל א חזירל, וואס איז אין בלאָטע טיף פאַרקראָכן, האָט ר׳דודל אפגעטון, וואס געהאט אפצוטון, און ווען געהערט די וואזשנע נייעם פונם אויפגענומענעם יינגערמאן פארא מו״ץ און ראש ישיבה, איז ער אומבאמערקט, א רואה ואינו נראה, אריין אין בית־מדרש, זיך געזעצט אין ווינקל הינטערן פאס־וואסער, זיך א קאפ אפרוען, נעמען א יידיש ווארט אין מויל אריין און אין ווערט כאפן א בליק אויף דעם נייעם למדן, דעם יינגעמאַן, וואס קומט ממרחקים, „בעריש סלאווקעווער״, „בעריש וואלבראמער״, ווי זיי רופן אים און זיי דערציילן זיך פון אים כל־הווינדוירים.

א באזעצטער טיש, אז מ׳זאל א פוס קאנען ארייינשטופן. א שטילקייט, אז מ׳זאל א נאדל הערן פאלן. איז ער זיך געזעסן מיט אויפגעלויכטענע אויגן פון גרויסער פרייד, אומבאמערקט פון קיינעם און געקוקט אויף די לייבן איבערן ארון־הקודש, ווי זיי שטייען מיט ארויסגעשטעקטע, דורשטיקע צונגען, ווי פארחלשטע נאך א טרונק, כאטש נעם דאס פאס־וואסער און טראג עס צו צו די חיות הקודש . . . און מיט איין אויער זיך צוגעהערט צום איינטייטשן מיט גרויס פשטות און עמקות דעם שיעור פאר די פארטיפט־צוהערנדיקע בחורים, ווי ער טייטשט אויס שכל־הישרדיק א שטיקל ר״ן אין נדרים מיט גרויס מתיקות און הסברה ; דאס באטעמטע אויסריידן פונם רב פון מויל צו מויל, דאס זינגענדיקע אויפכאפן פון די בחורים, מיט שוועבנדיקע הענט צו אים — א מאמע־שוואלב פליט אן אין נעסט און שפייזט אירע קינדערלעך ! — האט זיך געלייגט אזוי גוט אויפן שכל ווי א פאטראווע, וואס מ׳לייגט איינעם אויפן טעלער אנידער, ווי מען צעקייעט עס פאר א קינד און מען גיט עס אים אין מויל אריין . . . או ר׳דודל האט געמוזט שמייכלען צו זיך זיין מתיקותדיק „טאטע זיסער״־שמייכעלע.



ר׳ בעריש האט דערזעען ר׳ דודלען און צוגלייך אויך זיין הנאהדיקן שמייכל און פון דער וווייטנס צו אים אריבערגערעדט :

— יא, יא, ר׳דודל, „אין מים אלא תורה״, מ׳קאן מיט תורה לערנען אויך דערקוויקן א יידיש הארץ : „יותר מה שהעגל״ . . .

ר׳דודל האט אלץ ווייטער געשמייכלט דעם זעלבן שמייכל און נישט געענטפערט, נאר ווי ער וואָלט ווייטער געזאגט, ווי ער האַלט אין מיטן תהילים זאָגן : „מים רבים לא יכלו לכבות את האהבה״ :

— זעט איר דען נישט, ווי אפילו די לייבן דא אויבן שטעקן ארויס פארדארשטיקט די צונגען און חלשן נאך א לעבעדיקן טרונק ? . . .

אזוי האט עס זיך אנגעהויבן ! זייט דעמאלט האבן זיך געצויגן יארן מיט גלות־לאנגע שמועסן און שווייגנדיקע, הארץ־רייסנדיקע שפאצירן, וואס האבן זיך טומלדיק־התלהבותדיק, טיילמאל שטיל־דבקותדיק געצויגן פון בענדין ביז לעלעוו און צוריק, קיינמאל נישט פערטיק־ווערנדיקע. שפעטער איז נאך צוקומען „דער ייד״ פון פשיסכע, א ווילדער למדן און טיפער בעל מוח, ווען יענער איז געווארן ר׳דודלס מחותן. ניין בענדין איז נישט קראָקע, נישט פויזן צומאָל, אבער דאך שוין אן עיר ואם בישראל — „בענדיק הסמוך לעלקוש״ . . .

אסך נייע זאכן־חדושים ! — האט דער „סלאווקעווער מתמיד״ איינגעזעען זינט ער האט זיך מתחבר געווען מיט אט די מענטשן : קודם, אז עמקות איז נאך נישט אלץ, און אז מיט אביסל פארשווייגן קאן מען יענעם אמאל מער געבן צו פארשטיין ווי מיט אסך אויסריידן . . . און אז ר׳דודלס א פראסט ווארט קאן אין זיך האבן אסך מער טיפקייט, נישט נאר פון א ווילדן שארפן פלפול, נאר אפילו פון ר׳ ירמיה מאטעסדארפערס אן עמקותדיקן אויפטו, צו זיינס אַ דייטש־מערישן גלאַטן חקירישן אויסטייטש . . .

דעם „יידס״ א קנייטש האט אים אסך קשיות מפרש געווען, נישט נאר די ספיקות, וואס דער בראדער בחור מיטן שפיציקן בליק פון די פארזשמורעטע ברעמען ארויס, האט אין אים דעמאלס אין מאטעסדארף ארייינגעווארפן, נאר אפילו אסך הארבע שטעלן אין „מורה נבוכים״ און „חובות הלבבות״ . . .

איינמאל זיינען זיי אנגעקומען פלוצלינג און גאנץ סודותדיק און אויסגעזעען ווי צעטראגן. זיי, ר׳ דודל און זיין מחותן, „דער ייד״ פון פשיסכע, זיינען געקומען מכוה א וויכטיקן ענין, מתקן צו זיין וואס זיי האבן געהאט דא מתקן צו זיין און מיטגעהאט מיט זיך א דריטן, א סך יינגערן פון זיי א באוואקסענעם, א שטאמלענדיקן, א צעיאכמערטן, א ברייט טאנצדיקן בער, איינעם אזא מין דארפישן בעל־גוף, וואס רעדט מער מיט די הענט ווי מיטן מויל. „בער״ האבן זיי אים גערופן. ר׳דודל און דער בער האבן זיך געלאזן תיכף־ומיד ווייטער, נאך שעווער און „דער ייד״ איז געבליבן ווארטן אויף זיי —

א גאנצן מעת־לעת האט געדויערט דאס ווארטן, ממש א מעת־לעת, און לא פסוק פומיה ;

— דער ר׳דודל ביים פאיען די פערדלעך, זיך דרייענדיק צווישן די וועגענער, האט עפעס אויפגעכאפט פון ס׳גאיעס . . . עפעס גרייט זיך אויף פסחא . . . און קומען קומט עס פון די שלאנזאקעס, וואס קומען אריבער איבער

שעווער . . . און נאך מער פון די טשעלאדניקעס פון איבער דער סובריע —

אויפן וועג קיין טשעלאַדזש האט מען נישט איינמאל געפינען א טויטן יידן! ווען די „טעמפל־ברידער“, די מאָנאַכן, וואס האבן אין דער סובריע־היילן געגראָבן „די שוואַרצע ברילי‏אַנטן“, סודותדיק געגריבלט זיך נאך גאָלד און אַנדערע איידעלע מעטאַלן און כשופדיק געקאָכט דאָרטן זייערע שדימ־קעסלען, זיינען פאַריאָגט געוואָרן צוריק אין זייערע קלויסטערס איבער דער גרענעץ, זיינען א סך פון זייערע צאַלעדניקעס, די שלענזאַקעס איבערגעבליקן אין דעם מקום וואָס זיי רופן עס טשעלאַדזי, און ווי בייזע דיבוקים־הינטלויערן זיי דאָרט אויף די גרענעץ־וועגן . . . בענדינער רב — —

דער „ייד“ האט געשפירט דעם דערשראָקענעם בליק אויף זיך:

— אויף דעם בער קאן מען זיך פארלאזן. דאס וואקסט אונזער „סבא קדישא“! בענדינער רב, ס׳וועט אלץ אויסגיין צום גוטן. שמחה־בונם קאן זיך מיט דעם סטאראסטע, טאקע נאך דא פון בענדין, ווען ער האט דא געגעסן קעסט, נאך איידער איר זעגט דא געוועזן . . . און פון דעם בערן וועט ער נאך מער נתפעל ווערן . . . ער איז היימיש אויסגעקאכט אין זייער פויערישקייט, תורה זאָגט ער אפילו אין זייער לשון . . . איר קוקט מיך אן פארוואונדערט, בענדינער רב? איר וועט נאך אסך זאכן געוואויער ווערן: ס׳איז הרבה דרכים למקום . . . מיר האבן צו גיין פיל וועגן . . . קרומע און צעדרייטע, און אלע מוזן פירן צו גאט! האט איר געהערט פון א לייב־שרהס? . . . פון סאַסאָווער? מיר מוז עס דאָ אנהויבן אויף אונזער אופן . . . אויף אונזער פויליש־פויערישן . . .

ער האט געשוויגן א גלות־לאנג, שווער שווייגעניש, א הארץ־צעברעכנדיקס, א צו גאט־שרייענדיקס . . . אנגסט שווייסן האבן זיך אים געגאסן פון שטערן, פון פנים, פון די אויגן:

— אלץ וועט אויסגיין צום גוטן . . . לא ברעש, נאר בטחון . . .

— כ׳גלויב, אז מ׳מעג שוין זאגן קריאת־שמע, אבער איך קאן מיך נישט צוזאמענעמען. כ׳בין איין שטיק ווארטעניש . . . — ער איז פלוצלינג שטיל געוואָרן ווי די נאכט, ווי די טונקלניש איידער עס גייט אויף דער מארגנשטערן.

„דער ייד“ האט איבערגעריסן דאס שווייגן:

— דער בענדינער רב דאוונט דאך מסתם מיט ותיקין. גייט צו אייער עבודה. סוף כל סוף — האט ער א קורצן שמייכל געגעבן, — בלייבט עס ווי די גמרא זאגט „עבודה זו תפילה“ . . . — און ווייטער געבליבן זיצן אין זעלבן האַרץ־ברעכנדיקן, גאָט־שרייערישן שווייגעניש.

און ווען ר׳בעריש איז צוריקגעקומען פון בית־מדרש נאך „השכמה“ און מארגן־שיעור, איז „דער ייד“ נאך אלץ געזעסן אזוי — איין שטיק פאַרגליווערט וואַרטעניש . . . און די אויגן . . . די אויגן! צוויי קלאָרע קוואַלן — — —

פלוצלינג האט זיך די טיר געגעבן א פראל אויף און די צוויי — פארשטויבטע פון ווייטן וועג, די שטיוול ביז צו די כאָלעוועס אַרויף, פארקלעפטע מיט ליים־קליבעס, אריינפראלנדיק מיט רעש, — האבן געגעבן א כאפ דעם דריטן אין זייערע ארעמס און גענומען טאנצן א „הוידאדאנא“, אז דער באלטן האט זיך געהויבן, אז דאס גאנצע הייזל האט געציטערט — א חדווה־ריקוד, אז



א פחד איז באפאלן, א ים האָט אויפגעשטורעמט: „מקולות מים רבים“ . . .

איין שטיק פרייד! די קולות, די בליקן צונויפגעגאסן, די בערד און פיאות איבער זייערע קעפ ווילד צעפלאשעט, האט געשוימט פון זייערע מיילער הלל־געזאנג און פון זייערע אויגן געוויין. זייערע ארעמס האבן זיך נאך ענגער פארפלאכטן און עפּעס ווי געבונדענער סנאפּ וואלט זיך אויף א רחבותדיקן פעלד צעטאנצט. זיינע פאַרזשמורעטע מתמיד־אויגן האבן דערשראקן געקוקט און אין זיין הארץ האט עס אנגעהויבן מיט אמאל מיטצוזינגען, און זיינע וואקלדיקע קני — מיטצוטאנצן: „והיא שעמדם והיא שעמדם, לאבותינו ולנו“ און ביי יעדן שטאמלדיקן, צעיאכמערטן אויסגעשריי פון דעם ייִנגערן, מיט דער ווילד־צעפלאשעטער בארד: „כלאפצי, טאָם מה אומר!“ האט דער „הוי־דאנא“ נאך שטארקער זיך צעפלאקערט. די שווארצע פעסט־אויסגעטראָטענע פאדלאגע־ערד, אויסגעשיט מיט פרישן זאמד, האט געברענט אונטער זייערע פיס; „שרפים ואופנים וחיות הקודש“ . . .

און שפעטער, ווען דער בער האט ארויסגענומען א פלעשל ריינעם אקעוויט מיט א קלאפּ אויף דער דלאניע פון דער האנט ארויסגעשאסן דעם פראָפּן און געגעבן ר׳דודלען דאס הארץ זיך צו דערכאפּן נאך דעם ליימיק־שווערן קפיצת־הדרך פון שעווער ביז בענדין און נאך דעם צוויי מעת־לעתדיקן תענית זיינעם, האט ר׳דודל דאס פלעשל אריבערגערוקט: „פשיסכער רבי“ — האט זיך „דער ייד“ שמייכלענדיק אפּגערופן, — דער מרא דאתרא וועט מאכן דעם „שהכול“, ער איז דאך שוין נאכן דאווענען . . . איך האב דאך נאך אפילו נישט געזאגט דעם רבין ר׳מלך׳ס תפילה קודם התפילה . . .

— הא, בענדינער רב? — האט זיך דער שמייכל אויף זיין פנים אין א ליכטיקייט צעגאסן. — וואס זאגט איר אויף אונזער בער, איז ער נישט דער כלאפּ אויף גאטס מאיאנטעק? נאכן כלאפּ דערקענט מען דעם פּאַן, דעם פּאַן־בוג.

ער האט זיי באגלייט ווייט הינטער דער שטאט ארויס ביז איבער לאגישע. פארטיפט אין א שמועס מיטן פשיסכער זיינען די אנדערע צוויי ראַפּטים ווו פאר־שוואונדן. „דער ייד“ האט געזעגן, אז ער קוקט זיך אום זיי צו זוכן:

— איר זעט ווי דער דארט שמועסט זיך היימיש אדורך דארטן מיטן פערד? אזוי רעדט יענער וואו איצט מיט א גרעזל, מיט א בלומל. זיי עפענען פאר אים ממש די הערצער . . . וואס מיינט איר, א ייד איז פועל ישועות איבער גאנץ מלכות פוילן מיט קרייטעכצער . . . דער חכם מחוכם בונם מאכט פארשטעלט, היינט־מאדיש, געוואָרן מכלומרשט אַן אפטייקער . . . עס גייט נישט . . . ער מאכט עס אפן . . . יענער ווייסט טאַקע, און דער קען! . . . מ׳קען נישט אויסנארן, מ׳מוז גיין מיטן גאנצן אמת, פראָסטע ז׳מאָסטע . . . — ער האט שארף געקוקט אין חלל ארייַן: „אז מ׳הענגט צוזאם מיט א מענטש, פילט מען זיין ווייטאָק! הא? אין „והיו לבשר אחד“ גלויבט איר דאך . . . מ׳הענגט צוזאם מיט דער ערד, פילט מען אי־רע כחות . . . זי גיט זיך אונטער פון אליין, זי ווערט אַן עזר כנגדו, די מאמע ערד . . .

ער האט אים אדורכגענומען מיט די אויגן:

— בענדינער רב, און ס׳איז איצט א שעת־הכושר. ווילט איר איך זאל

אייך אויסלערנען שיחות חיות ועופות ?

דער בענדינער רב האט צוזאמענגעצויגן זיינע קורצזיכטיקע מתמיד־אויגן אוי קורץ און שארף געזאגט מיט חריפשער עקשנות :

— ניין !

— פארוואס ?

— ווייל א זאך, וואס מ׳דערגייט נישט אליין, קאן מען זיך נישט אויסלערנען.

— דהיינו, ווי וואלט איר געטון ווען איר דערגייט אליין ? איר וואלט מיט זיי גערעדט מיט קולות צי מיט תנועות ?

— מיטביידע.

— נו, ווייסט איר דאך שוין ! . . . — האט ער אים, מיט גרויס שמחה, אבער אויך מיט גרויס אומגעדולד, אויסגעשטרעקט די האנט צום געזעגענען. — עס וועט נאך לאנג דויערן ביז זיי וועלן פערטיק ווערן, און איך ווילמיך אויך גיין דא אדורכפישטשען מיט א מין שטומען פויגל, וואס וואינט דא אין די מקומות . . . מיט א פאווע קאן מען זיך אדורכו אונקען טויזנט־אויגיק . . .

דאס צוריק אהיימגיין אליין האט אסך לענגער געדויערט ווי דאס באגלייטן. ער האט פיל נישט פארשטאנען, א סך נישט גורס געווען, אבער עפעס האט זיך דווקא געלייגט אויפן שכל. אפילו דעם ר׳ בער, וואס מתחילת איז ער אים קשה געווען, — זיין פויערישקייט, אפילו אפשטויסנדיק, — אנגעהויבן צו פארשטיין. דעם שווערסטן תופס צו זיין איז פאר אים געווען „דער ייד“. ער איז פאר אים צו הריפיש־קלוג, פוילישער פלפול : מאכט ער נישט אמאל פון אים דעם ס׳מאַטעסדאָרפער“, ווי ער רופט אים אַמאָל אן אין הלצה, ס׳גענאַר ? טרייבט פון אים קאַטאָוועס ?

ער איז גלייך צוגעגאנגען אין בית־מדרש אריין, ווייל ס׳איז פונקט געווען די צייט צו זאגן דעם אוונט־שיעור. ער האט געמוזט שמייכלען, דער בענדינער רב און מיט דעם זעלבן שמייכל, וואס זיי האבן רק געטון טון שמייכלען : ווי ער האט דאס אפגעפאסט זיך מיט אים צום געזעגענען אויף דער מינוט, אז עס זאל נישט געמינערט ווערן קיין איינציקע רגע פון זיין „עבודה“ . . .

עס איז אים אסך קשה געווען יענע טעג, אבער ווען ער האט זיך דערמאנט זייער דבקותדיקן טאנץ און דערזעען דעם גרויסן, האר־באוואקסענעם, גראדזשענדיקן פינגער ר׳בערס ביים אויסשרייען זיין „תם מה אומר“, האט ער געשפירט ווי זיין פנים שמייכלט מיט זיער פארהוילענעם שמייכל . . . און ער האט אנגעהויבן איינזעען, אז טון א טובה א ייד איז שווערער ווי צו פארענטפערן א הארבן רמב״ם . . . און זינט דעמאלט איז זיין בית־דין שטוב נישט נאר פול געווען מיט לומדים, וואס קומען אריין רק ריידן אין לערנען ; צי מיט שיינע יידן, וואס קומען אריין שמועסן אין דברי חקירה, און פון דעם וואס ס׳טוט זיך דרויסן אין דער גרויסער וועלט, נאר אויך מיט פראסטע בעלי־בתים, פארדאגהטע פארן געמיינעם פאלק, מיט בעל־מלאכות, וואס קומען זיך עצהן מכוח זייערע חברות. — דעמאלט האט ער טאקע אנגענומען צו זיין דער יושב ראש פון דער ניי־געגרינדעטער חברה „הכנסת כלה“. און אויך אויסגעבעסערט די תקנות



פונם שניידערישן פינקס.

און ווען מען האט דעם סטאראסטע צוגעשיקט די תקנות פון דער חברה אונטערצושרייבן, איז ער, דער סטאַראָסטע, דעם צווייטן טאג אליין געקומען מיט „די אקטן“, קענען לערנען דעם „ראבין“, דעם „דוכאוווני סטארי זאקאנני“ און געהאט א פול מויל מיט די צוויי יידן, וואס זיינען ביי אים געווען מיט א בריוו פון „בונעמען“ — ווי ער הערט איז נאשע בונעם, איבער גאנץ קרוין פוילן, אזש ביז וואַרשע, און ווייטער נאך . . . ער האָט עס געוווּסט !

— אהא, ווען מיר האבן אזעלכע כלאפּעס ! — האט ער נישט אן קנאה אויסגעלאזט זיינע לויב־ווערטער, פינטלענדיק מיט די אויגן, ווי איינער, וואס ווייסט אויך עפעס פון זייערע סודות.

ביים ארויסגיין האט ער געזאגט צו דער רביצין :

— דרויסן פאר דער טיר שטייען צוויי וועגענער מיט מעליקע קארטאפּלעס און רויטע בוראקעס צו פארטיילן פאר די ארעמע יידן אין דער קהלה. צוויי שאק פרישע אייער האט דער פאראבעק אין א קארב פארן ראבין אויף פסחא, נאַטירלעך אויב ער, דער דוכאווני, וועט באוויליקן צוצונעמען.

* * *

נאך דער בייזער חתונה אין אסטיליע, און נאָך דער „פטריה“ פונם רבי ר׳בונם, אין קורץ פאר דער גרויסער „נפילה“ פונם קאָצקער, ווען די נייע דרכים זיינען ווידער געווארן בחזקת סכנה, האבן זיך די הייף אויף דער זייט ליבלין געזוכט זיך מחזק זיין און גענומען זיך משדך צו זיין צווישן זיך. דעמאלט האט זיך אויך דער בענדינער מרא דאתרא, א זייל שוין אין חסידות, זיך פארבונדן מיטן הויף פון ראדאשיץ.

מען קאן זיך פארשטעלן וואס ס׳האט זיך געטון אין גאנצן גליל־זאגלעמביע ווען דעם בענדינער רבס יינגסט טעכטערל, אסתרל, האט חתונה געהאט מיטן ראדאשיצערס בן־זקונים.

ס׳גאיעס ארום אין די דערפער האט געמיינט ס׳איז א „פאוּסטאניע“ : „קאזאקן“ אויף פערד און פוילישע „סטראלקעס“ זיינען געווען פול אויף די שליאַכן . . . די פויערים האבן אין די פענסטער הייליקע בילדער ארויסגעשטעלט און וואקסענע ליכט אנגעצונדן.

גאנץ בענדין איז פול געווען מיט ווייסע יוביצעס און רבנישע שטריימלעך. דער „סבא קדישא“ איז שוין געווען אלט און די פויערים פון אלע דערפער זיינען אנגעלאפן אים אנצוקוקן, די פאלעס זיינע אנצורירן, צו קושן זיינע טריט.

צו דער דריטער „שבע ברכה“ איז דער פאוויאטאווער נאטשאלניק פון עלקוש אויף זיין דראשקע אנגעקומען און געקלונגען מיט דער שווערד :

— טשטא־טא־טאקוי ? !

דעם רבס עלטסטער זון, וואס האט שוין געקענט רוסיש, האט אים אקייגנגעטראגן אויף א זילבערנער טאץ כבוד און אים — „וואשע בלאגאראדיע“ — אלץ דערקלערט : אזוי און אזוי „טאק טאָטשנא“ . . .

דער נאטשאלניק האט געוואלט זעען די כלה ! קוים מען האט זי געפונען.

דאס צוועלף־יאריקע יינגע ווייבעלע, אין דער נייער קופקע און אין זיידענעם האר־בענדל טיף איבערן שטערן, האט עס אין דרויסן אויפן הויף געשפילט אין סטרולקעס מיט אירע חברטארינס.

דער ראבין איז ארויסגעקומען און דעם נאטשאלניק אריינגעבעטן אין שטוב. דעם קאזאק אין דרויסן האבן חברה דערווייל האלב־אנגעשכורט און ארויפגעזעצט אן אייגענעם „קאזאק" אויף— דער קעלניע. ווען דער נאטשאלניק איז ארויפגעקומען האט ער געהאט גרויס הנאה פון דער „חתונה" און דעם „קאזאק" געגעבן א זילבערנעם ניקאלייסקע רובל „נאגראדע".

די אסתרל, מיט איר גמרא־קעפל, דעם בענדינער רב׳ס טאָכטער, — דאך א שטאט בענדין, די פרייסישער גרענעץ — האט זיך נישט גוט געפילט אין דעם קליינעם און פראסטן שטעטעלע ראדאשיץ. אין אירע אפטע בריוו האט דער פאטער ארויסגעשפירט א מין לצנות איבער דעם „פייקע־געפיפקע" און איבער דעם נסים־ונפלאותדיקן אפשפרעכן פון קאנדל־צוקער און קרייטעכצער... „ס׳איז נישט ,פא־כלאפסקו׳, ווי דו האסט געזאגט, ס׳איז פשוט פויעריש".

ער מוז טון א שמייכל. פון דעם פייקע־געפיפקע קאנען זיך דאך אפילו די קאצקער נישט באפרייען . . . ער דערמאנט זיך די מעשה וויאזוי דארבישס איניקל איז געבוירן געוואָרן: א מנין קאצקער חסידים האבן זיך פארזאמלט ביי דער מקשה־ללד אין דער שטוב און געהאלטן אין איין פיפקען די לולקע־ציביקס ביז זי האט זיך אזוי שטארק צעהוסט, אז די שוין האלב־טויטע מאמע האט אפגעגעבן דאס קינד . . . האט דאך אפילו דער גויאישער שטאט־דאקטאר באוואונדערט דעם קלוגן מופת . . . דאס אברהמעלע איז עפעס טאקע א קינד למופת — אן עילוי מבטן ומלידה! זיין חומש־סעודה־דרשה — פלאי פלאים!

ער שמייכלט פון גרויס הנאה: א שאד, אז זיין אסתרל איז נישט דא געוועזן: א יינגל קוים דריי יאר, א יתומל, א פיטשעדיק עופהלע שטייט אויפן טיש און זאגט און זאגט און וויל גארנישט אויפהערן. פינקלט מיט די קלוגע אייגעלעך... מען זעט בחוש, ווי ער אַליין האָט אַ קינדישע הנאה... און ווען ער קומט זיך פארהערן, זיינע איינפאלן, אפילו זיינע קלאץ־קשיות . . . דאָס וואקסט א רבי יונתן! — די קאָצקער זאָלן אים נאָר נישט צערעכט מאַכן . . .

ער וועט עס איר שרייבן, אבער נאך איידער ער האט געשריבן איז געקומען די טרויעריקע ידיעה, או דער „סבא קדישא" איז נסתלק געווארן. ווען ער איז אהיימגעפארן נאך דער קבורה האט ער די טאכטער מיטגענומען: זי איז גערעכט, ס׳איז צו פראסט — ס׳איז פויערישע בטלנות! „פאָ־באַבסקי" . . .

ס׳איז א הייסער סיון־טאג. דאס פויערישע וועגעלע וואקלט זיך אין דעם ליימיק־טרוקענעט שליאך. זיי שווייגן טרויעריק און פארטראכט, יעדער שאקל ווארפט זיי שיער פון וועגעלע ארויס. דאס פייקע־פיפקעדיקע פויערל פאָכעט מער מיט דער בייטש די פליגן פון פערדל אפצויאגן ווי עס אונטערצויאָגן.

„כל הדרכים בחזקת סכנה", קאן ער זיך נישט באפרייען פונם זלידנעם רעיון: בערס דרך איז געווארן א שטייענדיקער ליים. מ׳מוז אים דרעפטשען מיט שווערע שטיוול . . . איצט נאך זיין פטירה, זכר צדיק לברכה, וועט עס גאנץ איינטריקענען. ווער האָט זיינע גרויסע כוחות? — ס׳וועט ווערן אַ



אקסן שריט . . . מ׳מוז עפעס געפינען א דרך ממוצע! דער קאצקער דרך איז געפלאסטער מיט שפיציקע קיזל־שטיינער . . . דא גיט זיך דאס וועגעלע א שאקל, אבער דארטן טאנצט עס כסדר . . . עס שפרינגט פון געזעס, אראפצושליידערן — דער תהום שטייט תמיד אָפן.

ער שמייכלט צו זיך אליין: אויב קאצק זיינען די חיות הקודש, זיינען די ראדאשיצער בהמות הקודש . . . דער בער האט אפגעטאַנצט, וועלן איצט ארומגיין די בערן־טרייבער מיט די טעלערס דאָס געלד איינזאַמלען . . . ווידער ווערן אַן עסק מיט די בערלעך ווי אַמאָל מיט די בערעניוס . . . עס מוזן קומען יינגעלייט!

עס קומט אים אויפן רעיון דער ראדאמסקער רב, דער שלמה . . . ער געפינט זיך תמיד . . . „חכם עדיף מנביא", תמיד האט ער צו דער האַנט א גלייכווערטל, א טשעפ! . . . ער ווערט קיינמאל נישט נתפעל פאר גארנישט, פאר קיינעם . . . מען וועט אים מוזן איבערגעבן די הנהגה . . . ער וועט זי פירן מיט א ניגון! מיט א טרעל פון א תנועה מאכט ער טאַנצן דאס האַרץ . . . מיט זיין הלצהלע שמייסט ער ווי מיט א בייטש . . . א תלמיד־חכם דערקענט מען מער אין זיינע שיחות־חולין ווי אין זיין לערנען . . . זיין הלצלה מאַכט גלאַטיק די שאַרפקייט. קאָצק איז קאפ, קונצשטיק; ס׳פעלט פראָסקייט פון האַרץ; „כל הדרכים בחזקת סכנה", אז א דרך איז נישט אויסגעטרעטן מיט ליבשאַפט.

ער ווערט טרויעריק. די טאכטער קוקט אים אן און טרערן שטייען איר אין די אויגן. זי דערמאנט זיך אינם „אלטן" און ער טראכט מסתם אויך איצט פון אים: ס׳וועט זיין א געוואלד אין הויף, „דער מחותן האט צעריסן די גזע"!

אבער ס׳איז קיין אנדערע ברירה נישטא: „מעשה מרכבה ביחיד"! ער וויל די רעיונות פון זיך פארטרייבן, אבער ער קען נישט. ער קוקט אויפן פויערל ווי עס פאכעט מיטן בייטשל און מוז ווידער טון א שמייכל: עס איז לית ברירה, בראש מוז שטיין א מענטש, וואס זאל קאנען א שמייס טון מיט דער בייטש, אז דאס פערדל זאל זיך א ריר טון, טרייבן די פליגן אליין איז ווייניק, אויף דעם האט יעדעס פערד אן עק . . .

מען קאן זיך פארשטעלן וואס עס האט זיך געטון ווען מען האט געהערט אין ראדאשיצער הויף פון די סודות, וואס גייען אן צווישן בענדין און ראדאמסק: „דער אייגענער מחותן איז יורד לחיו, גייט איבערשניידן די גזע . . . היה לא תהיה . . . ר׳משהלע, דער גוטער ייד דער צדיק פון לעלעוו, ר׳דודלס זון, האט זיך אנגעהויבן אריינצומישן. ער האָט שוין אָבער אָנגעהויבן צו פילן זיין עלטער. און אויך מיט זיין עניוות־אינסטנקט דעריפילט: אויב מען איז מתרעם אויף דעם „סבא־קדושא", אויף בער׳ס דרך, ערשט אויף זייגעם . . . וואָס האָב איך דודל׳ס זון געברויכט דעם גאַנצן עסק? . . . אַ פאָוורוס, אן עמער, גענוג געווען.

עס איז אזוי ווייט געגאנגען, אז איבער די מחלוקות צווישן די „רבנים און „די הייף" האט ער געפלאַנט עוקר צו זיין קיין ירושלים . . . ר׳משהלע האט אבער איינגעזעען, אז ס׳איז א מחלוקת לשם שמים . . . אז עס גייט אין קיום פון פוילישן חסידות. און ביים געזעגענען, ווען ר׳משהלע האט ארומגענומען דעם ראדאמסקער רב אים האַלדזנדיק אַריינגעשעפטשעט אין אויער:

— שלמה, געדענק אין מיינע ייִנגעלייט. און לאז זיי נישט ווערן קיין קוגל־פרעסער. אבער לאז זיי אויך נישט לויפן קיין קאצק, זיי וועלן דאך נאך, חלילה, ווערן . . . עפעס האט די אַלטע רביצן געמוזט אויפכאַפּן, האט זי פאַרביטערטע אויפגעשריגן. — קוקט אים אן דעם וויי־חכם מיט זיינע הלצהלעך, ער האט דאך דעם אַלטן נאר שוין אינגאנצן צעדרייט.

זי איז געבליבן שטיין, א פארלוירענע, ווי א גע־יאָגטע קוואָקע, ארומגערינגלט מיט אירע קינדער און דער ראדאמסקער רב האט זיך הויך צעוויינט, פאלנדיק ר׳משהלען אין די ארעמס אריין.

דער ר׳שלמה, דער קלוגער ראדאמסקער רב, האט פארשטאנען, אז אויב ער גייט איצט צוריק אין דער אכסניה אריין, וועט מען אים דורסן — גאנץ לעלעוו ווייסט, אז דער ייִנגערמאן נעמט זיי צו א האלבע פרנסה . . . און נאך דעם ווי אלע האבן געהערט וואס ר׳משהלע האט געזאגט, וועט ער זיך שוין פון ראביסטווע נישט ארויסדרייען, אז א צדיק איז גוזר איז ערגער ווי א גזר מן השם! האט ער געוואָלט מאכן אן הלצה, אבער ס׳האט זיך נישט געלאַכט: און ער איז מיט א חברה ייִנגעלייט פון לעלעוו אפגעפארן קיין בענדין, אדורכטראַכטן דעם ענין מיט א בר־דעת, מיטן בענדינער רב.

„עוף השמים יוליכו את הקול״! ווען דאס וועגעלע פון לעלעוו איז אנגעקומען קיין בענדין, זיינען שוין דעם וועגעלע נאכגעפארן א מנין וועגעלעך און פון סלאַוואָקעוו — א פולע דראבינע מיט פייערדיקע ייִנגעלייט. פון קאזשיגלעוו האט מען דעם בענדינער רב ארויסגעשיקט א שטאפעט אויף א פלינק פערד.

דער בענדינער רב איז שוין געווען אלט, אבער ער איז אקייגנגעגאנגען ביז צו דער „בראמא״. גאנץ בענדין איז מיטאקייגנגעגאנגען.

ווען דער ראדאמסקער רב האט אים דערזען, איז ער ווי א ייִנגערמאַנטשיק, מיט איין שפרונג, אראפגעפלויגן פון פארנדיקן וועגעלע. דער אלטער רב האט אים אויפגעכאפט מיט גרויס ליבשאפט אין די ארעמס אריין:

— חדש כנשר נעוריך! . . .

— יא, בענדינער רב, — האט ר׳שלמה מיט א נישטדאיקער פרייד אויסגעשריגן. — בענדינער רב, כ׳האב ממש געשפירט אויפן גאנצן וועג ווי ס׳וואקסן מיר פליגל אויס.

דער אלטער רב האט אים ערנסט אנגעקוקט:

— איז עס נישט קיין הלצהלע זיינס? . . . — און דערזעען דעם גאנצן ערנסט, וואס קוקט ארויס אזוי נישט־דאיק פון זיינע פייערדיקע פריילעכע אויגן.

און שוין, מ׳האט שוין מער קיין ווארט נישט גערעדט. — צוויי יאר האט מען געפירט אונטערהאנדלונגען, און איצט איז עס אין איין רגע געשען. — ר׳שלמה, מיט א פריידיקער פארטראכטקייט, א ליכטיק־שטראַלנדיקער איז שוין געגאנגען פארויס און ר׳בעריש הינטער אים, כעבדא כמא מרא, ווי איינער פון זיינע מינדעסטע חסידים.

בענדין איז נישט לעלעוו, בענדין איז נישט ראדאשיץ; בענדין איז אן



עיר ואם בישראל מיט א גליל־שטעטלעך ארום זיך. אבער אז בענדינער ייִדן פאלן אריין אין א התלהבות, פלאקערט עס ארום זיי; כאפט עס ארום ווי א שרפה, ווי אויף ברענענדיקע קוילן זיי וואלטן געשטאנען . . .

גאנץ בענדין איז דעם פרייטאג געווען איין גרויסע אכסניה! און פון די שטעטלעך ארום זיינען נאך אלץ אנגעקומען פרישע ייִדן ביז פאר ליכטצינדן. אין בית־דין שטוב פון בענדינער רב האט דער „ראדאמסקער רבי״ שלום געוואוינט — די גאנצע שטאט האט פארשמעקט פון די כל־ערליי מינים קוגלען, וואס מ׳האט געטראגן צום טשאלנט־שטעלן צו שיקן מארגן צום טיש.

אבער די קאָצקער האט עס לגמרי נישט געשמעקט: דער „פיפיקער״ שלמה וועט זיי די בענדינער ייִנגעלייט „אַפּקלאַפּן״ . . . זיי האבן געדרייט מיט די נעז . . . און שבת אין דער פרי איז געשען א מעשה נבלה בישראל! ווען דער ראדאמסקער, אין זיין זריזות, איז געגאנגען אין מקווה, האבן אויפן מקווה־וואסער ארומגעשוואומען שטיקער צואה. — איינער־ווער איז פריער אריינגעגאנגען און האט אנגעטון די מעשה אשר לא יעשה . . . עס וואלט זיך געווען אפגעטון אין בענדין יענעם שבת דאס ערגסטע, מיט שטעקענער, מיט מעסערס, חלילה, וואלט מען געגאנגען; איש באחיו. — די סלאוואקעווער נעגלשמידן און די לאגישער פערד־טרייבער ווער וואלט זיך געקענט אקייגנשטעלן? און בכלל ס׳וואלט געווען א גערANגל צווישן חסידים און מתנגדים און צווישן אייגענע, צווישן אנשי שלומינו און נאנטע, ווייל די עיקר מחלוקה איז דאך געווען אין אייגענעם הויף . . . ווען נישט דער ראדאמסקער מיט זיין קלוג הלצהלע, וואס האָט געמאכט אש און בלאטע פון גאנצן עסק. דערזעענדיק די נבלה האט ער געגעבן א דריי הלצהדיג מיט דער נאז:

— איר זעט דאך, עס שמעקט מיט קאציק . . . — און מיט דעם איינעם „ייִד״, וואס ער האט אריינגעלייגט אין דעם ווארט קאצק — „קאציק״! — נישט געלאזן צעשטערן דעם שבת: „מקוה ישראל ד׳ ״ . . . און ס׳איז געווארן שלום על ישראל — איין גרויסער דבקות־ניגון, א פריידיק־חדוהדיקער, אונטערגעכאַפּט פון געסל צו געסל האָט ארומגענומען די גאַנצע שטאט.

נאטירלעך האט דער, וואס האט די מעשה נבלה אפגעטון, נישט מוצא שנתו געווען. אבער אויך דער בענדינער רב איז פאר שברת הלב קראנק געווארן און נפטר געווארן דעם זעלבן ווינטער כ״ה שבט.

דריי זאכן האט ער געלאזן אין זיין צוואה: א) מ׳זאל אים שטעלן אן אוהל אויפן נייעם בית־החיים אויפן שפיץ בארג, ב) זיין הויז זאל ווערן א „חסידים־שטוב״ און ג) זיינע קינדער און אייניקלעך זאלן נישט ירשענען זיין כסא־רבנות, בכלל נישט פירן קיין רבנות, קיין ראַביסטווע.

וועגן דעם ערשטן דערציילן זיך גאנצע מעשיות און לעגענדעס פון די ארעמעלייט הינטערן בארג די אורחי־פורחי פון „זשימנע דופע״. איין מעשה איז וואונדערלעכער פון דער צווייטער און איין מעשה איז סותר די אנדערע. דאס צווייטע איז, מסתם, פשוט: „סוס שרכב עליו המלך״! א שטוב, ווו ר׳דודל דער ייד הקדוש, דער סבא קדושה האָבן געטאַנצט זייער דבקות־ריקוד, וואו דער „תפארת שלמה״ האט שלום גענומען פון טויזנטער חסידים אין טאג

פון „קרוינונג“, מוז די שטוב בלייבן שוין אַ קרן־קימת אזוי אויף לעולם ועד! דאָס דריטע האָט מען נישט געוואָלט איבעררעדן אין דער משפּחה. אלע האָבן דעם טעם פאַרשטאַנען און אים טיף אדורכגעליטן: עס איז געווען אַ תשובת המש־קל... האָט ער דען נישט מיטגעהאָלפן צום ריס אין דער ראַדאָשיצער גזע?

„אין דעם טאָג ווען דער זיידע איז נסתלק געוואָרן, איז געווען אַ שטיל־קייט אין שטוב, זיין יעדן אָטעם־צוג נאָך אויפצוכאַפּן... אָבער פון דרויסן פאַרן פענסטער זיינען די קולות געגאַנגען עד לב השמים, דער גאַנצער „אונ־טערן־באַרג“ איז דאָרט געשטאַנען... ער האָט דאָך זיי אַלע געהאַט אויפן קאָפּ „מקרני ראַמים עד בצי כנים“, פונם פאַרך ביז איבער די אויגן ביז צום לוי־זיקסטן בעטלער... פונם געשריי עפנט דער גוסס אויף די אויגן, מען זעט בפירוש, ער הערט זיך צו צום געשריי... די אויגן זיינען שוין געבראָכן, די טויטן־פליגן פליען שוין אַרום אין זיי, און דעמלט טאַקע, אין דער לעצטע מינוט האָט ער טאַקע געלאָזן זיין צוואה.

„און מיט אוהל האָט ער די אָרעמעלייט פון „אונטערן־באַרג“ געהאָלפן לאחר מותו מער נאָך... ווי ביי זיין לעבן... דער אוהל איז זייער „זאַמעק“, זייער שלאָס, זייער קאָפּאַלניע מיט „שוואַרצע בריליאַנטן“... דורות גייט איבער אַ פלאַץ פון אַ זיצנדיקן בעטלער ביים אוהל, אַ נדן פאַר אַ טאָכטער אַ קאַליקע איז אזא פלאַץ — נישט בחינם איז ער געווען דער גרינדער און דער ראש פון דער „הכנסת כלה“.

„זייערע ניסים ונפלאות וואָס זיי דערציילן איז דאָך אויך נאָך כדי להגדיל את העסק, ווי ווערט פאַפירן פון זייער גאָלד־מיין, אַז זייערע שוואַרצע ברילי־אַנטן זאָלן זיך הייבן“... קאָן דער טאַטע זיך נישט איינהאַלטן פון זיינס אַז הלצה, ווען די אָנגעפאָרענע אייניקלעך און אור־אייניקלעך אויף דער יאָר־צייט הלולה, נעמען זיך דערציילן די רבישע וואונדער פונם זיידן.

° ° °

אַז פון יעדן פויערל אויפן מאַרק קאָן ווערן אַן אליהו נביא, פאַרוואָס נישט פון יעדן יידל מיט אַ פאַוורוס אויף די לענדן אַ ר׳דודל, ווי לאַנג איז עס דען ווי ער האָט זיך דאָ געדרייט אויף די מערק; פון פּיעטרעקאָוו־ראַדאָמסק ביז טשענסטאָכאָוו־זאַגלעמביע — איין שמונה־עשרה דריי!

דער קאָזניצער איז שוין נישטאָ, דער חוזה מלובלין, דער ייד הקדוש איז שוין נישטאָ, אָבער דעם פאַוורוס, וואָס זיי האָבן אָנגעדרייט ציט זיך אי־בער גאַנץ קרוינפּוילן... אין די גזרות־ניקאָליי איבער מלכות־רוסיי, וויפיל די כאַפּערס זאָל נישט כאַפּן, ווערן מער יינגלעך אָפּגעראַטעוועט ביי די גרענעץ־שטעט — מ׳איז זיך ממש מוסר נפש פזר די „ניקאַלייסקע סאָלדאַטלעך“.

נעמען דערציילן דאָס קאַפּיטל פון דער סובריע, די חורבה־הייל פון דער שדים־לעגעדע, פון מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט? צי ווי אַזוי דער יינגס־טער זון פון זיידן ר׳ בערש הערציגער, שימעלע, איז געוואָרן סימאָן האָט. דער גאָלד־מיין באַזיצער אין קאַליפאָרניע... וועט עס מסתם נישט קלינגען. וויניקער לעגענדאַריש מיט אירע טויזנט ראַעליטעטן, וואָס ציען זיך נאָך אריין אין מיינע קינדער־יאָרן — וואָרום, וואָס איז געווען מיין מאַמעס צירינג־זעקע־לעך, אויב נישט די מתנות פאַר זיין יינגסטער שוועסטער, די באָבע אסתרל...

צוזאַמען אבער מיט יענע קינדער, וואָס „גוטע יידן“ האָבן געבראַנגט פון טיף רוסיי, פון ווייס־רוסישע און אוקריינישע שטעטלעך, האָט אויך דער עלטער־זיידע — זיין יינגסטן אַריבערגעשיקט איבער דער גרענעץ — די גזירה איז נאָך אין אונזערע קאַנטן נישט געווען, אבער „סלוכעס“ שמועות זיינען אַרומגעגאַנגען.

שימעלע, צי ווייל ער איז שוין געוואָרן אַן „אנדערער“ אין די מעריש־בעמישע דייטשע ישיבות, צו ווייל ער האָט געהערט פון זיידנס צוואה, און אויפן בענדינער כסא הרבנות איז נישט מער צו רעכענען...

פון מיין קינדהייט געדענק איך די „מעשה פונם גאָלדענע שטעקעלע“, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן קני פאַרנדיק אויף דער מאַגיסטראַט קאָטש אין זעקס־פערד געשפּאַנט, ווען ער איז געקומען צו גאַסט אין זיין געבוירן־שטאָט בענדין און דער נאַטשאלניק פּאָוויעטאָווע האָט פאַר אים געגעבן אַ באַנקעט.

זיין עלטסטן ברידער, דעם עילוי, דעם אייזענעם מוח, נישט נאָר מיט ש״ס אויפן קאָפּ, נאָר מיטן רוסישן עקזאַמען, וואָס איבער דער צוואה האָט ער זיך גע־נומען צום גלעזל, האָט שימעלע, סיימאָן געקויפט די ברויעריי: „ברידער טרונק וויפיל דו ווילסט“! טאַקע פון דער בראָוערי, פון דער הערציקער בראָע־ריי, האָט מען צו דער יאָרצייט אַלע יאָר געבראַנגט צו פירן אַ גאַנצן וואָגן מיט קעסטלעך ביר און די פלאַשן און אין פעסלעך — — — מיר, דאָס יינג־וואַרג, די אור־אייניקלעך און די אור־אור־אייניקלעך פון גאַנץ קרוין־פּוילן, זיינען געש־טאַנען ביי די פלימפלעך, ביי די קראַנען און די חסדים־שטוב האָט זיך געבאַדן אין ביר, זיך געטוקט און געטובלט אין מעשות און אין תורות פון זיידן זצ״ל.

## שמואל וווהייט אנגעפולט מיט צער

אנגעפילט מיט צער
קום איך צו דיר מיין האַר,
שטיל אין מיר דעם צאָרן,
איך פיל כ׳האָב פארלאָרן;
אַוועלט אגרויסע וואָס לאָזט ניט ריען
יאגט־אין יאגט, האלט אין איין מיען.
אנגעשנאַלט מיט צער
שטיי איך פאר דיר מיין האַר.

אנגעפילט מיט טיפן צער
פארנעם מיין תפילה מיין האר,
ווען ארומגערינגעלט מיט שינאה
ווערט לעבן פארשלינגען בחינם —
— בחינם ווערן זיך ברידער דם שונאים
קינ׳ס־הבל׳ס אלץ בחינם.
פארנעם מיין תפילה
דערהער מיין האר דאָס געוויין דאס שטילע
וואס איז אנגעזאפּט מיט צער
בעטען פארשמאַכטע ליפּן
צו דיר מיין האר...

ב. ביאלאסטאצקי

## נאך דער לוויה

אז יצחק אייזיק איז געשטאָרבן —
האָבן מיר אים פאַרברענט;
און סירקינען האָבן מיר געטראָגן אויף די הענט,
צען אבלים שטאַרק;
אויף דעם ליים פון זיין קבר געטראָטן,
מיט געבויגענעם קאָפּ און געבויגענעם קאַרק,
באַגראָבן, באַשאָטן —
אַראָפּ פון מאַרק.
דערנאך זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען
אין „ליטעראַרישן קאַפעי".
— עי, — וועיטער!
לויה־באַגלייטער
האָבן געטרונקען טיי,
און געפּלאַפּלט נאַכלעסיק און גערעדט,
ווער סע שטאַרבט פרי,
און ווער סע שטאַרבט שפּעט . . .
דערביי האָט איינער אומעטיק געקוקט
אין די אויגן פון דעם צווייטן;
— נו? מען דאַרף זיך נעמען גרייטן!
— ווער וועט וועמען באַגלייטן?
— באַלד וועט שוין אָנקומען אויך אונדזער ריי.

און נאָך אַ ווייטיק האָט טונקלדיק אין האַרץ גענומען גיין:
אַז ס'איז אונדז — יונגערע און גרינגערע,
אומעטיק אזוי — א שרעק!
צו בלייבן מיטן ביסל יידישקייט אליין
אויף איסט־בראָדוויי,
אָן זיי,
וואָס זיינען אַוועק —
גלויביקע, העל־אויגיקע.

— עי, — וועיטער, — טיי!

לויה־באַגלייטער,
פון אונדזער „ליטעראַרישן קאַפעי".

---

## יידיש ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס

**אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אזייגער**
שבת, דעם 26/סטן יאַנואר אליהו פּאַלושאַק פּאָרטראַג איבער לייוויקס ווערק.
שבת, 2/טן פעברואר — רייזע איינדריקן פון ישראל און זינגען ישראל ליד מאַדאַם נאַדלער.
שבת, דעם 9/טן — שבת שירה און חשה־עשר־פּראָגראַם — יעקב ריכטיגער.

---

239

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2־3 (העפט 7־376) פיר און צוואַנציק. יאָר פעב.־מער. 1963 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט:

פורים פּאָ־אמת, גראַמען אין גרים, אץ־קוצק־פּובליציסטיק ....... *** 1
די רעפּעטיציע פון א פורים שפּיל (עסיי) ....... י. ריכטיגער 8
יאסל־אסיפ וואַלדמאַן (א קאַפּיטל פון א ראָמאַן) ....... אליהו פּאלושאק 17
די תפילות פון מרדכי הצדיק און אסתר המלכה ....... פון תרגום־השבעים 19
פאר לאהלן צום 16/טן געבורטסטאָג (ליד) ....... עלע זילבערג 20
איינזאַמקייט (ליד) ....... שמואל וההייט 20
א בלאט, טויט, הונדערט (ליד) ....... יוסף לעפּטוויטש 21
פאַרוואָס איז ער דער גרעסטער פון אונזער דור (עסיי איבער ה. לייוויק) ....... ש.
אונזער קאַמף פאר יידישער קולטור (לכבוד דער צוואַנציק־יעריקער טעטיקייט פון „פריינט פון יידיש לשון") ....... אייזיק גאָלדבערג 25
גזע און ירושה (פּראָזע) די באַלאַדע פונם ש"ך מיט מגן־אברהם, „ווער ס'קומט צו מיר דער קומט צו מיר", וגם חרבונא זכר לטוב (שלח־מנות, יעווטושענקא'ן) ....... א. נ. שטענצל 28
המנס מפּלה (הומאָרעסקע) ....... משה בעקערמאַן 40
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ....... 44

**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאַמענט־פּרייז: —26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד: —8 דאָלאַר אַ יאָר
אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: —
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

---

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,*
129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*